פרייז 10 גראשען

הײַנט 8 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

נייער פאלקסבלאט

№ 195	לאדז, דאנערשטאג, כ"ז אב תר"ץ	אכטער יאהרגאנג	Łódź, Czwartek, 21 sierpnia 1930 r.	№ 195

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

פייערליכע זיצונג פון די צענטראלעוו=דעפוטאטען

צו פראטעסטירען געגען דייטשען אנגריף אויף די פוילישע גרעניצען

װארשא, 20 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט איז וייטער פארגעקומען א זיצונג פון די פיהרער פון צענטראלעוו.

עס איז בעטראכט געװארען די פראגע װעגען א װענדונג צום מלוכה-פרעזידענט צוזאמענצורופען א סיים-סעסיע.

עס איז בעשלאסען געװארען און אנגעגעבן דורך סעפטעמבער, אפצוגעבען דא בימע דעם מלוכה-פרעזידענט.

עס איז אויך בעשלאסען געװארען צוזאמענצורופען א ספעציעלע פייערליכע זיצונג פון אלע דעפוטאטען און סענאטארען פון צענטראלעוו צו דעם אריסטריט פון מיניסטער טרעוויראנוס און צו פראטעסטירען געגען דייטשען אנגריף אויף די פוילישע גרעניצען.

רעזאלוציע פון דער פויערן-פארטיי

װארשא, 20. (טעלעפאניש).

אויף דער נעכטיגער זיצונג פונ׳ם פויערים-קלוב אין סיים איז, לויט׳ן פארשלאג פונ׳ם ני-אויפגע-געהאלטענעם דעפוטאט דאמבסקי-אסטראווסקי, בעשלאסען געװארען פארצולעגען דעם גאנצען „צענטראלעוו" אנצונעמען פאלגענדע רעזאלוציע געגען דעם א-ריסטריט פון מין. טרעוויראנוס און דער פראגע וועגען די פוילישע גרעניצען.

ארויסגעגעבען פון דער הגדה, או דער מי-ניסטער טרעוויראנוס האט אהן שום ספק געארבייט אויף דער אייגענער האנד, אהן א פארשטענדיגונג מיט דער רעגירונג — וואס עס ווערוויזען דיינע ווייטערדיגע ארויסטרעטונגען, — דריקען אויס די פאר-טייען פונ׳ם פוילישען סיים, וואס זענען רעפרעזענ-טירט אינ׳ם צענטער-לינקען בלאק, זייער האפנונג, או בנוגע דעם מיניסטער טרעוויראנוס וועלן געצייגט ווערען די קאנסעקווענצען, וועלכע זענען נויטיג אויף צו פעדריגערען די פיינדליכע צוזאמענארבייט פון די פעלקער און אויף צו געבען א בעפרידיגונג פאר די ערקלערונגען, וועלכע קאנען אונטערגראבען דעם איי-ראפעאישען שלום, וואס איז געקויפט געווארען מיט׳ן פרייז פונ׳ם בלוט פון מיליאנען פויערים און ארבייטער.

דער גרויס=מופטי פאדערט אויף צו דעמאנסטראציעס

פאר דער פולסטער אונאפהענגיגקייט פון א"י

ירושלים, 20. (מ"א טעלעגראפיש). אראבישע צייטונגען טרעטען ארויס געגען דעם געפלאנטען פראיעקט פון אן אראבישען שטרייק, וועלכער זאל פארקומען דעם 23. אויגוסט. דער ארגאן פון גרויס מופטי דאגעגען פאדערט אויף צו דעמאנסטרירען אונטער׳ן לאזונג פון פאלשטענדיגער אונאפהענגיגקייט.

די אראבישע סטודענטען האבען אפגעהאלטען א קאנפערענץ אין יפו און בעשלאסען צו פראקלא-מירען א שילער-שטרייק אין אלע אראבישע רע-גירונגס-שולען ביז די אויסגעשלאסענע אראבישע סטודענטען וועלען נישט צוריק אריינגענומען ווערען. די סטודענטען זענען אויסגעשלאסען געווארען פאר בעטייליגען זיך אינ׳ם פאריגען שטרייק.

באהן-ליניע צווישען ארץ-ישראל און מעסאפעטאמיען

ירושלים, 20 (ספ. טעל.).

די צייטונג „הארץ" מעלדעט פון זיכערע קוועלען, אז עס איז שוין אנגענומען געווארען א בעשלוס צו בויען א באהן-ליניע פון חיפה קיין אל-נאקא, און פון דארט די באהן-ליניע דורך די מדבר ביז באגדאד און מעסאפאטאמיען, לענג אויס דער באהן-ליניע וועלען געלייגט ווערען נאפט-רעהרען, וואס וועלען פיהרען דעם נאפט פון מעסאפאטאמיען (מאס-סול) צום חיפה׳ער פארט און ארץ-ישראל אויף א שטרעקע פון טויזענד קילאמעטער. עס וועלען אויך געבויט ווערען אויפ׳ן נאנצען וועג מיליטערישע סטאציעס.

דאס וועט מאכען אן איבערקערעניש אין דער עקאנאמישער לאגע פון ארץ-ישראל, ווייל דאס וועט עפענען א קוואל פון פרנסה און האנדעל אין לאנד.

ארעסטירט א אנטיסעמיטישען אגיטאטאר אין רומעניען

בוקארעשט, 20. (מ"א טעלעגראפיש). פאליצי האט ארעסטירט אין צוג דעם אנטיסעמיטישען אגיטאטאר מאטא מיט זיין חבר, בעת זיי זענען געפאהרען, כדי אויסצוטרעטען אויף אן אנטיסעמיטישע מיטינג.

סאוויעט-רוסלאנד ערלויבט רבנים אוועקצופאהרען קיין א"י

אבער די ענגלישע רעגירונג לאזט זיי נישט אריין

ירושלים, 20 (ספ. טעל.).

די צייטונג „הארץ" מעלדעט, אז די רבנים פון סאוויעט-רוסלאנד, וועמען די סאוויעט-רעגירונג האט ערלויבט אוועקצופאהרען פון רוסלאנד קיין ארץ-ישראל, האבען זיך געווענדעט צום ענגלישען קאנסול און האבען נאך די ארץ-ישראל וויזע, און דער ענגלישער קאנסול האט זיי די וויזע אפגעזאגט.

דער „הארץ" טרעט ארויס געגען דעם מיט א שארפען ארטיקעל און שרייבט, אז דערפון איז צו זעהן, אז די אלע געשרייען אין ענגלאנד געגען די רעליגיעזע פערפאלגונגען אין רוסלאנד, זענען געווען נאר פוסטע ווערטער.

די קאדענצען פון די זעלבסט-פערוואלטונגען

זאלען דויערן 7 יאהר

װארשא, 20 (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט). ווי מען דערוויסט זיך וועט אין אי-נערן-מיניסטעריום אויסגעארבייט ווערען א פלאן, לויט וועלכען די קאדענצען פון זעלבסטפערוואלטונגען וועלען געדויערן 7 און נישט ווי ביזאיצט 3 יאהר

עפענטליכע אויפפאדערונג!

אין צוזאמענהאנג מיט דער נעכטיגער נאטיץ אין „לאדזער טאגעבלאט", וועגען עפעס א קאנפערענץ פון גארן-הענדלער מיט נאך נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מעשות, אין וועלכע מיין נאמען איז אויך פערצייכענט, ערקלער איך עפענטליך, אז עס איז אויסגעזויגען פון פינגער. איך האב מיט קיין שום שפינערס נישט גערעדט און עס וואונדערט מיך זעהר, וואס א צייטונג זאל זיך צוערשט נישט אנפרעגען, כדי צו האבען דאס רעכט א נאמען צו פערעפענטליכען און מיר צושרייבען ערקלערונגען, וועלכע איך האב קיינמאל נישט געמאכט. איך בין אויף קיין שום זיצונגען פון גארן-הענדלער נישט געוועזען און דעריבער פאדער איך עפענטליך אויף דאס „לאדזער טאגעבלאט" מיין נישט געגעבענע ערקלערונג אפצורופען, אין געגענפאל ווערל איך מוזען דערויף רעאגירען.

מיט דרך-ארץ מ. קאטליצקי, פיעטריקאווער 31.

דער פאמיליע ראזמארין

צום דריהצייטיגען טויט פון זייער איינציגען געליבטען זוהן

העניעק

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

דירעקטאר א. בעזמאן
און ארטיסטען-קאלעקטיוו
אין יודישען טעאטער אין פילהארמאניע.

24 זייטען 24

ועט האלטען דער מארגענדיגער פרייטאג-נומער פון „נייעם פאלקסבלאט"

דער נומער וועט ברענגען, א חוץ דעם רייכען אינפארמאציע און ליטעראריש-פובליציסטישען מאטעריאל

אן אילוסטרירטע ביילאגע פון 8 זייטען

מיט צעהנדליגער אקטועלע בילדער און אויפנאהמען.
אויף פיין פאפיר, פיין געדרוקט.

בעמערקונג: די דעפעקטען, וואס זענען געוועזען אין דעם ערשטען נומער פון אונזער „אילוסטרירטער ביילאגע", זענען בעזייטיגט געווארען, און דער מארגענדיגער נומער וועט געבען דעם בעסטען עסטעטישען גענוס פאר אלע, וואס וועלען איהם קויפען.

פרייז פון פרייטאג-נומער „נ"ער פאלקסבלאט" מיט דער „אילוסטרירטער ביילאגע" נאר

25 גראשען 25

בלוטיגער צוזאמענשטויס ביי גראדנא

דריי פאליציאנטען שווער פערוואונדעט. — ארעסטירט א ווייס־רוסישע דעפוטאט פאר שיסען אויף פאליציאנטען

גראדנא, 20 (ספ. טעל.). אין דארף אלעקשיץ ביי גראדנא איז געווען א לאזען קירכען יום־טוב, צו וועלכען עס זענען געקומען לערך 2000 פויערים. ווען די פויערים זענען געווען פערזאמעלט פאר דער קירך, זענען אנגעקומען די ווייס־רוסישע דעפוטאטען רוואָרטשאַגין און וואלי־ניעץ און האבען צום המון אנגעהויבען האלטען רעדעס. אזוי ווי די דעפוטאטען האבען נישט געהאט קיין ערלויבניש אויף קיין מיטינג אונטערן פרייען הימעל און האבען ווענען דעם אפילו נישט געמאלדען דער פאליציי זענען באלד אנגעקומען עטליכע פאליציאנטען, וועלכע האבען אויפגעפאדערט דעם המון זיך פונאנדערגעהן.

דער המון איז אבער ארויסגעטראטען נעגען דער פאליציי און ארויסזוקענדיג פאראויס די פרויען און קינדער, האט ער אנגעהויבען צו ווארפען אויף דער פאליציי שטיינער. עס האבען זיך אויך געהערט רעוואלווער־שאָסען. דערביי איז פערוואונדעט געווארען דער פאליציאנט משאקין.

אזוי ווי אין די ערשטע רייהען פונ׳ם המון זענען געווען פרויען און קינדער, האבען די פאליציאנטען נישט געקאנט שארזשירען דעם המון. זיי האבען נאר געגעבען עטליכע שאסען אין דער לופט און ארויסגערופען הילף פון גראדנא.

קיין אלעקשיץ זענען באלד אנגעקומען דער שטעל־פערטרעטער פון סטאראסטא, א פאליציי־קאמיסאר און פאליציאנטען. די אויספארשונג, וועלכע איז אויף׳ן ארט דורכגעפירט געווארען, האט פעסטגעשטעלט, אז פונ׳ם המון האט מען געגעבען עטליכע שאסען אויף דער פאליציי און אז צווישען די שיסער האט זיך אויך געפונען דער דעפוטאט רוואָרטשאַגין.

ביידע דעפוטאטען, אלס בעשולדיגטע און אנ־געשטיפטער ארויסטריט געגען דער פאליציי, האט מען פערהאלטען און איבערגעגעבען צו דער דיספאזיציע פון דער פראקוראטור. דער וויצע־פראקוראר פון גראדנער קרייז־געריכט, וועלכער איז באלד געקומען אויפ׳ן ארט האט פעראָרדענט צו ארעסטירען דעם דעפוטאט רוואָרטשאַגין, אלס אזעלכען, וועלכען מען האט פערהאלטען אויפ׳ן ארט פון פערברעכען, און וועלכער קאן, לויט דער קאנסטיטוציע, ציוויל־מאס ווערען ארעסטירט, לויט דעם דעפוטאט וואליניעץ, געגען וועלכען עס זענען נישטא קיין באווייזען, אז ער זאל האבען געשאסען, האט דער פראקוראר נעכ־מען בעפרייען.

ווארשא, 20 (מעלדונגען פון אונזער קאָר־רעספאנדענט). אין שייכות מיט דעם בלוטיגען צוזאמענשטויס ביי גראדנא איז פערעפענטליכט געווארען א האלב־אפיציעלער קאמוניקאט.

אין קאמוניקאט ווערט ערקלערט, אז דער דעפ. רוואָרטשאַגין האט אין זיין רעדע, וואס ער האט געהאלטען פאר די פויערים געזאגט, אז עס וועט זיין א מלחמה און רעגירונג וועט וויים־רוסלאנד ווערען א זעלבסטשטענדיגע מלוכה. די פויערים האבען פערגיכען זייער בלוט, אפילו ווי דארפען זיך נישט לאזען און פון ראס זייערע.

ווייטער ווערט אין קאמוניקאט געזאגט, אז בעת די פאליציי האט געגעבען דעם בעפעהל זיך פונאנ־דערצוגעהן, האט דעפ. רוואָרטשאַגין ארויסגע־כאפט א רעוואלווער און אנגעהויבען צו שיסען. פון דער שיסעריי זענען שווער פערוואונדעט געווארען די פאליציאנטען משאקין, קאפטשאק און פוכאלסקי.

שלום־קאנפערענץ צווישען יודען און אראבער אין ארץ־ישראל

ירושלים, 20 (ספ. טעל.). דער אנגעזעהענער אראבישער פירער פון שכם נאצאר אל מאתר האט פערעפענטליכט אין דער צייטונג „אל סאלם" אן אפעל, וועגען צו די אראבער און די יודען, אז מען זאל צונויפרופען א קאנפערענץ פון פירער פון ביידען פעלקער און מען זאל שליסען שלום.

ענגלישע רעגירונג איז פערוואונדערט און עמפערט
וואס דער יודישער טעמפעריאל האט געוואונען מעהר צוטרוי ביי דער מאנדאט־קאמיסיע

לאנדאן, 20. (יט״א טעלעגראפיש). יט״א דערוויסט זיך וועגען דעם אינהאלט פון די ענגלישע בעמערקונגען צום בעריכט פון דער מאנדאט־קאמיסיע. די ענגלישע רעגירונג איז שטארק פערוואונדערט וואס די קאמיסיע האט מעהר צוטרוי צום יודישען טע־מאריאל, ווי צו די ענגלישע ערקלערונגען. ווייטער איז די ענגלישע רעגירונג עמפערט, וואס די קאמיסיע נעהמט אויף מיט אזא אומצופרידענהייט דעם בעריכט פון דער שאו־קאמיסיע, הגם די ענגלישע רעגירונג באלאראטירט זיך מיט איהם אין פיל פונקטען.

געשטארבען דער דירעקטאר פון ק.ק.ל. אין רומעניען

בוקארעשט, 20. (יט״א טעלעגראפיש). דא איז פלוצלינג געשטארבען דער בעקאנטער ציוניסטישער עסקן, ד״ר חיים בעזוס, דער דירעקטאר פון ק. ק. ל. פאר רומעניען.

יודישער פראפעסאר
ליימער פון אינסטיטוט פאר קרעבס־פארשונג

רינגא, (יט״א) אויפ׳ן ארט פון פערשטארבע־נעם יודישען סענאטאר פעסקארלא איז אלס דירעקטאר פון אינסטיטוט פאר קרעבס־פארשונג אין טורין, איי־נעם פון די וויכטיגסטע אינסטיטוטען פון דעם מין, בעשטימט געווארען דער ד״ר. פראפ. בענעדעטא מאַר־פורגא. פראפ. מארפורגא איז איינער פון די אנגע־זעהענסטע איטאליענישע היסטאלאגען.

העכער צוויי מיליאן דאלאר
געזאמעלט אין אמעריקא פאר א״י־הילפס־פאנד

ניו־יארק, (יט״א) דער דירעקטאר פון א״י־הילפס־פאנד, וואס איז געשאפען געווארען נאך די א״י־געשעהענישען כדי צו ערטיילען הילף די גוליטענע בעת די אונרוהען, האט פערעפענטליכט דעם ענד־גילטיגען בעריכט פון דער זאמעל־אקציע פאר׳ן פאנד. ווי עס איז צו זעהן פון בעריכט, איז איך דעם בעריכט־נומע שטאנען ס׳איז געזאמעלט געווארען צווישען יודען 2,083,818 דאלאר, די אויסגאבען אויף דער נאמ־לונג בעטרעפען בלויז דריי און א האלבען פראצ. פון דער געזאמעלטער סומע. ווי בעקאנט, איז אין ענג־לאנד געזאמעלט געווארען פאר׳ן א״י־הילפס־פאנד 99,499 פונט ביז היינט.

ראדיא־פראגראם
דאנערשטאג ד. 21. אויגוסט 1930

11.58 צייט־סיגנאל פון ווארשא און הערינאל פון מאריאצקען טורעם אין קראקא, 12.05 גראמאפאן־פליטען, 13.15 טאג־פראגראם, קינא־ און טעאַ־טער־רעפערטואר, 5.50 פארלעזונג, 16.15 גראַ־מאפאן פליטען, 17.10 קאמוניקאט פון ל.א.פ.פ., 17.35 „צווישען ביכער" איבערזיכט, 18.00 סאליס־טען קאנצערט, 19.00 פערשידענעס, 19.20 גראַ־מאפאן פליטען, 19.35 קאמוניקאט פון דער לאנד־ווירט. האנדעלס־קאמער, פראגראם אויף מארגען, קאמוניקאטען, 19.50 שפארט־קאמוניקאט פון פ.א.ט. און צייט־סיגנאל פון ווארשא, 20.00 ראדיא־דזשור־נאל, 20.15 א שעה טשעכישע פאלקס־מוזיק, 22.00 פעליעטאן, 22.15 קאמוניקאטען און טאנץ־מוזיק.

שטאטיש טעאטער
ציגעל־גאס 63.

א ווילנער טרופע
פון דער
אנסאמבל
יאר XV
אנג. מ. מוזה.
יאר XV

היינט, דאנערשטאג, דעם 21־טן, 8,45 אָווענט, אויפ׳ן אלגעמיינעם פערלאנג
נאך 1 מאל
א מעשה מיט הערשעלע אסטראפאלער
פון מ. ליפשיץ.

מארגען, פרייטאג, דעם 22־טן, 8.45 אָוונט, ערשטאויפפיהרונג, 6־טע פרעמיערע
„דער גולם" פון ה. לייוויק. רעזשי און אינסצ. דוד הערמאן.

היינט און פאלגענדע טעג!
דראמע פון ליבע, ברוטאלע געפיהלען און אפפערונג.
טראגעדיע פון א בעפאלענער פרוי א. ג.
דאס הארץ פון א גאסען־פרוי
די הויפטראלע קרעאירט מייסטערהאפט די בעניאלע
CORRINE GRIFFITH
אין דער נעזעלשאפט פון גלענצענדען אקטיאר
EDMUND LOVE
אויסערן פראגראם: דער בעריהמטער אנסאמבל גרעס־טעסק־טאקסאפאניסטען די 6 ברידער BROWN
ווי אויך דער פענאמענאלער וויזטואז BERNARD de PACE אין זיין נייעם רעפערטואר.
אנהויב און נעת. טעג 5 נ״מ, שבת און זונטאג 2 נ״מ.

Dr. Niewiaźski
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 8–10, 1–3, 5–9.

האנדווערקער־פעראיין
אין לאדז, וואלטשאנסקא 19.
היינט, דאנערשטאג, דעם 21 אויגוסט 8
א זייגער אוונט קומט פאר אין אייגענעם לאקאל
א גרויסע פערזאמלונג
פון קירזשנער וואס ארבייטען פאר מאגאזינערס מיטגלידער און נישט מיטגלידער.
טאג־ארדנונג: די לאגע אין פאך.
קומט פינקטליך! די פערוואלטונג.

7־קלאסיגע שולע און פרעבעלשולע
פון
די רענאמירטע ערציהונגס־אנשטאלט
קאצענעלזאן־נאחומאב
8 נאך לודקא 8 (צווישען באגאמיעסקע און וושאדניע)
טעלעפאן 177־01 (פון 11 ביז 2)
קינדער אין שול־צוזאנג עלטער ד. ה. פון 7 ביז 15 יאהר ווערען א נגענומען אין די קלאסען: A, B, C, I, II, III, IV
אין פארבערייטונגס־קלאס A° ווערען אנגענומען ענטוויקעלטע קינדער פון 7־5½ יאהר. אין די פרעבעל־שולע (שפיל־שולע) קינדער פון 3־7 י.
חוץ דעם אלגעמיינעם שול־פראגראם, קענען די ארטאדאקסישע קינדער געניסען פון נאכמיטאג־חדר וואו ס׳ווירד געלערנט גרונדליך אלע למודי־קודש, דהיינו: חומש, רש״י, נ״ך, גמרא, ותוספות דורך מלמדים־ספעציאליסטען אונטער דער פערזענליכער השגחה און הנהלה פון בעוואוסטען למדן ר׳ יעקב בנימין קאצענעלזאן
בעמ.: די צאהל שעה׳ען, ווי אויך מלמדים פאר למודי־קודש זענען היי־יאהר בעדייטענד פערגרעסערט.
פאר פיזיש שוואכע קינדער, ווי אויך פאר אונבעמיטעלטע עגווימירט
נאכמיטאג שולע
נאכמיטאג חדר
ביז 50% בילינער
נאכמיטאג פ עבלשולע

די לעצטע
2 טאג
פון אפגעבען די קופאנען
אויפ׳ן גרויסען פרעמיען־קאנקורס
פון „נייעם פאלקסבלאט"
היינט, דאנערשטאג און מארגען, פרייטאג
ווערען נאך אנגענומען די קופאנען אויפ׳ן
גרויסען פרעמיען־קאנקורס פון „נייעם פאלקסבלאט"
צו געווינען 100 פרעמיעם
די קופאנען דארפען אפגעגעבען ווערען אין אדמיניסטראציע, פיעטריקאווער 21, אין קאנווערטען, אויף וועלכע עס איז אנגע־שריבען דער נאמען, פאמיליע און אדרעס פון קופאנען־זאמלער.
די ערשטע רשימה פון די זוכה־בגורל
ווערט געדרוקט ווערען אין זונטאגדיגען נומער פון „נייעם פאלקסבלאט"

צו דער עפענטליכקייט!
דערמיט מאך איך עפענטליך בעקאנט, אז קומענדיג צו געברידער מענדעלסאהן פלאץ וואלנאשטשי 7, קאנפעקציע־געשעפט איינמאהנען א פראטעסט, וואס ליגט ביי מיר שוין 3 חדשים, איז מען מיך בעפאלען און מערדערליך צושלאגען. דער אנגעקומענער פאליציאנט האט צוזאמענגע־שטעלט א פראטאקאל. זאל די עפענטליכקייט משפט׳ן די אונערהערטע הא־נדלונג פון די ברידער מענדעלסאהן, וואס קויפען נישט אויס זייערע קינדישע פראטעסטען און זייערע פערקויפערינס. דער גאנצער ענין געהט איבער אין געריכט. מיט אכטונג א. לעלאווסקי גאגאמיעסקא 6.

אנאנס
אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

אכטונג! אכטונג!
אלע חברים פון מזרחי, צעירי מזרחי, ברוכיא,
ווערען אויפגעפאדערט צו קומען צו דער
פערזאמלונג
וואס קומט פאר היינט, דאנערשטאג, 8 א זייגער אוונט, געווידמעט דער ארגאניזירונג פון
בלימעל־טאג
לטובת דעם קרן החלוץ המזרחי.
חברים—!ת און סימפאטיקער ערשיינט פונקטליך.

8258

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 21 אויגוסט 1930
לאדז, 21 אויגוסט 1930

דער אונטערשלאג
צי איז ערב מלחמה?

די רעגירונג פון פאם בירגער מאקסט היינט פון טאג צו טאג. די טאג־צייטונגען ברענגען אַלארמירענדע ידיעות, וועגן בעוואפנונג פון די מחלוקה'ן און קאנפליקטן צווישן מלוכות און לענדער און נישט איין איבערגעשראקענער לעזער נעהמט אין יעדער האנד די פריה־מארגען־צייטונג מיט א פערכאפטען אטעם, ערווארטענדיג, אז אט־אט ווערט ערקלערט מאביליזאציע.

און הגם דער שפיל און דער אינסטינקט זאגט אונטער, אז א נייע מלחמה איז ווירקליך אונמעגליך, אז וואלענפאלס איז עס צו פריה, אז די מיליטאריסטען פון יעדער און אין יעגער מלוכה, וואלטען נאך היינט נישט געוואגט צו ריזיקירען מיט א נייע מלחמה. די פריהעריגע וועלט־מלחמה האט געבראכט אזוי פיל אומגליקן איהרע ארגאניזאטארען, די געפאלענע טרונען און צוזאמען מיט זיי די ירידה פון דער גאנצער עליטע פון יאהר 1914 האט אזוי פיל שרעק איינגעווארפען, אז נישט אזוי לייכט וואלט זיך היינט ווער געוואגט צו ערקלערען מלחמה. און הגם טייל מלוכות האבען מיט אמעריקאנער טעמפא ארגאניזירט און אויסגעשולט זייערע ארמייען, דאך איז היינט קיין איין מלוכה נישט אימשטאנד אנצוהויבען א מלחמה אויב זי וויל נישט ברענגען נייע אומגליקן און פערוויסטונגען אויף איהר לאנד און שרעקליכע ליידען איהרע בירגער.

עס ווייסען דאס אלע, עס פערשטעהען דאס אלע און דאך ציטערט מען, דאך איז מען איבערגעשראקען אויף היינט — מארגען זאל נישט אויסברעכען א מלחמה, און בעזונדער הערשט אזא שטימונג אין פוילען, די מיליטאריסטישע פארטייען ביי אונז הערען נישט אויף צו סטראשען דעם עולם טאג־אין טאג־אויס, אז שונאים לויערען אויף אונז פון אלע זייטען. טייל טייטלען מיט די פינגער אויף מזרח, אנדערע אויף מערב און מען שמועסט אהטער: גיט געלט אויף גרויסע קריגס־בודושעטען, שטארקט דעם נאציאנאלען גייסט און זייט גרייט. מען נוצט אויס די מינדעסטע קלייניגקייט, כדי די האוינע העץ־קאמפאניע צו שטארקען, כדי צו גיסען בוימאייל אויפ'ן פייער. אזא געלעגענהייט האט זיך געמאכט אַהום א רעדע פון דייטשען מיניסטער טרעוויראנוס, וועלכער האט געגעבען אנצוהערען אז דייטשלאנד וואלט זעהר חשק געהאט מען זאל זיך נאכאמאל אַרומזעצען ביים טיש א שמועס געבען וועגען דעם ווערסיילער טראקטאט פון יאהר 1919 איז טאקע בלי יושר... עס איז פאר קיינעם קיין נייעס נישט, אז די דייטשען האבען גרויסע טענות צום ווערסאילער טראקטאט און אז זי מיינט נישט רוקא געפעלען דעם פסק־דין אין ווערסאיל. אבער שוין נישט איינמאל האבען יעם די דייטשען ערקלערט, און אפילו דער זעלבער מיניסטער טרעוויראנוס, האט אין זיינע א ערגענצונגס־רעדע ערקלערט, אז ער טראכט נישט חלילה וועגען מלחמה, נאר סתם וועגען מאהנען יושר. דאך האט זיין רעדע אריינגעבראכט אזוי פיל אויפרעגונג, ביי טייל קען זיך אויסדוכטען אויב א מיניסטער רעדט היינט וועגען רעוויזירען גרעניצען איז דאך א בעווייז, אז עס האלט „ערב עפעס", און עס איז טאקע אמת, אז עס האלט ערב „עפעס", אבער נישט ערב מלחמה, נאר ערב... וואהלען.

די דייטשע נאציאנאליסטען זענען איצט אין וואהל־קאמף און עס איז גאר נישט קיין בעסער מיטעל צו געווינען א וואהל־קאמפאניע ווי אויפצורייצען די נאציאנאליסטישע אינסטינקטען. די דייטשע נאציאנאליסטען זענען זיכער, אז אויב זיי וועלען איצט אויפרייצען די פאטריאטען פון דייטשען בירגער און איהם איינרעדען, אז מע נעהמט זיי איין צוריק די וועלט און זענען זיך נוקם אין די פאלאקען מיט די פראנצויזען, איז זייער נצחון א גאראנטירטער, ווייל די סאציאליסטען קענען זיך בשום אופן מיט אזא וואהל־אגיטאציע נישט בענוצען. דעריבער האט מען דאס ארויסגעשיקט דעם מיניסטער טרעוויראנוס צו האלטען אזא רעדע, וועלכע האט אין לאנד ארויסגערופען א געהעריגען עפעקט און אויב אויסלאנד רעאגירט און פראטעסטירט, אויב די פוילישע רעגירונג שיקט פראטעסט־נאטעס — איז דאס פאר דער איצטיגער נאציאנאליסטישער רעגירונג אין דייטשלאנד און פאר די נאציאנאליסטישע פארטייען זעהר געוואונשען, מען קען אין לאנד פערגרעסערען דעם אלארם און שטארקען די פאטריאטישע שטימונג.

נישט אנדערש איז עס ביי אונז אין פוילען, די ענדעקעס האבען זיך טאקע דערפרייט מיט דער רעדע פון מיניסטער טרעוויראנוס, אט האט דאך איצט די ענדעציע א געלעגענהייט צו בעווייזען, ווי שלעכט עס אדמיניסטרירט זיך די איצטיגע רעגירונג, אז מען דארף טאקע אויסדרעהען דעם הארמאט מיט דער לופט צום מערב־פראנט. די סאנאציע ווידער האט אויך דא א שטיקעל כוונה. פון איין זייט שיקט מען ארויס דעם גענעראל גארעצקי קאנקורירען מיט די ענדעקעס, און האלטען אנטי־דייטשע רעדעס און פון דער צווייטער זייט קומט דער „קורייער פאראני" מיט אן אפערטע, אז „אין אזא ערנסטע צייט", איז א יושר צו פערגעסען די אינערליכע רייבונגען, מען דארף צוריק אויפשטעלען די נאציאנאלע איינהייט, און דעריבער דארף דער סיים זיך נישט אזוי אפאזיציאנעל פערהאלטען, זאל מען הייסט עס דער רעגירונג געבען א נייעם מלוכה־בודושעט.

ווי מיר זעהען האבען די האוינע מלחמה־אלארמען א קאנקרעטען, רעאלען, אקטועלען אונטערשלאג. עס האלט טאקע ערב „עפעס" אבער דער עפעס הייסט זיין — עטליכע צעהנדליג נייע מאנדאטען פאר די דייטשע נאציאנאליסטען אין נייעם רייכסטאג, און א וועג פאר אונזער סאנאציע ארויסצוקריגען דעם פלאנבודושעט, אין וועלכען זי האט זיך אליין פערוויקעלט.

ב.

קעניג קאראל וויל אבלעגן די קאראנאציע
צוליב דער אונרוהיגער לאגע אין רומעניע

בוקארעשט, (ט"א) די צייטונג „קוראנטול" וואס איז נאהענט צו די קרייזען פון רומענישען קעניגליכען הויף, בעהויפט זיך, אז דער קעניג קאראל וועט אפלעגען זיין קאראנאציע, וואס האט געזאלט פארקומען אין א חודש ארום ביז אפילו קומענדיגען יאהר. די סיבה דערפון זאל זיין, וואס דער קעניג האלט, נישט צוועקמעסיג איינארדנען די קאראנאציע־פייערליכקייטען אין איצטיגען מאמענט, ווען די בעפעלקערונג געפינט זיך אונטערן דרוק פון דער שווערער עקאנאמישער לאגע. די דאזיגע ידיעה איז איבערגעגעבען געווארען מיט גרויס בעזאָרגניש אין די הויפט יידישע קרייזען, בעזונדערס אז אין די הויף־ספערען הערט זיך שוין דער ווארט די ארדנונג זאל צוריקגעשטעלט ווערען אין משך פון די נאהנטסטע פאר חדשים.

מורא פאר נייע אנטיסעמיטישע עקסצעסען אין רומעניע
ארעסטען פון אנטיסעמיטישע אגיטאטארען אין גאלאץ און קישענעוו

בוקארעשט, (ט"א) איינציגע טיטולירטער פון „אייזערנער גווארדיע" זענען אנגעפאלען אויף א ייד לעבן הערשקאוויטשי אין גאלאץ. איינער פון די אנפאלער איז ארעסטירט געווארען. אין קישינעוו זענען ארעסטירט געווארען דריי אנטיסעמיטישע סטודענטען זאלעווסקי, טאבארעי און פעאיציג, פאר'ן אנפאל אויף א ייד אליהו ווינפערג. דאס געריכט אין קישינעוו האט פעראורדענט צו ארעסטירען די אנטיסעמיטישע אגיטאטארען קאר"א און באקא, וואס ווערען בעשולדיגט אין ווארפען א באמבע אין א יידיש הויז אין שטעטעל דאנע נעבען טשערנאוויץ. די אנטיילנעהמער פון אטענטאט איז נישט געלונגען צו ענטלויפען.

וויען, (ט"א) פון בוקארעשט ווערט מיטגעטיילט: אויף די גאסען פון קישינעוו, גאלאץ און אנדערע רומענישע שטעט זענען ווידער פערטיילט טלינגאנישע אנפאלען אויף יידען. ערמוטיגט דורך דעם בעפרייאונגס־אורטייל אויף דעם מערדער פון דעם „אייזערנער גווארדיע" קאדרעאנו, האבען איצט ווידער פערשטארקט זייער טעטיגקייט אנטיסעמיטישע טעראריסטען־ארגאניזאציעס, נישט אנטרעפענדיג אויף קיין ווידערשטאנד מצד דער מאכט און צוזאמענהאנג דערמיט הערשט צווישען דער יידישער בעפעלקערונג אין בוקאווינע א מורא פאר ווייטערדיגע אנטיסעמיטישע עקסצעסען.

יודישע וואנדערונגען פאר־און נאך דעם קריג
יודישע איינוואנדערונג קיין אמעריקא

בערלין, (ט"א) דא איז ערשינען דאס בוך פון ד"ר מיכאל טרייף א.ט. „די יודישע וואנדער־בעוועגונג פאר און נאך דעם קריג". דאס ווערק, וואס שילדערט די יודישע וואנדער־בעוועגונג אין דער לעצטער צייט ענטהאלט צוויי נייע פאלגענדע אינטערעסאנטע בעמערקונגען: יודען שטעהען איצט צווישען איטאליענער אין דער אלגעמיינער איינוואנדערונגס־בעוועגונג קיין דרום־אמעריקא פאר די לעצטע דרייסיג יאהר. זינט אבער עס זענען איינגעפיהרט געווארען די אימיגראציע־בעגרענצונגען איז די צאהל פון יודישע אימיגראנטען בעדייטענד קלענער געווארען און זיי פערנעהמען דאס 9־טע ארט. צוזאמען זענען געקומען אין די פעראייניגטע שטאטען פון 1899 ביז 1928 1,361,556 יודען. דער פראצענט קינדער און פרויען צווישען די יודישע אימיגראנטען איז פערהעלטנים־מעסיג דער גרעסטער. יודען שטעהען אויפ'ן ערשטען ארט לויט דער צאהל נישט פערטיגליכע אימיגראנטען. דער צוזאמענשטעל פון דער אימיגראציע לויט דער פראפעסיע האט זיך נאך'ן יאהר 1924 בעדייטענד געענדערט א דאנק דעם פאקט שמאלקען צופלוס פון יודישע האנדווערקער.

הנחות פאר יודישע קוסטארען
אראפגענומען די ספעציעלע בעשטייערונגען

מאסקווא, (ט"א) ביז איצט פלעגען די ווארשטאטען, אין וועלכע עס ארבייטען געמיינזאם עטליכע פערזאן, בעשטייערט ווערען ווי די אונטערנעהמונגען מיט לוין־ארבייטער, דאס הייסט איינער פלעגט בעשטייערט ווערען אלס אונטערנעהמער און די איבריגע זענען בעטראכט געווארען אלס לוין־ארבייטער, וואס עס האט געפיהרט צו א גרויסן שטייער.

נעדעמעלדיג איז בעשלאסען, אז די הויכע בעשטייערונג פיהרט צו דעם אונטערגאנג פון א גאנצער רייהע האנדווערק־אונטערנעהמונגען און ווירקט זיך שווער אב אויף דער מאטעריעלער לאגע פון די קוסטארען און בעלי־מלאכות, האט דער פרעזידיום פון „ציקי" בעשלאסען, אז אויף ווייטער זאל יעדער זעלבסטשטענדיגער האנדווערקער בעשטייערט ווערען אלס קוסטאר אדער בעל־מלאכה, וואס בענוצט זיך נישט מיט לוין־ארבייטער. דאס גלייכע וועלען נישט אויפגעלעגט ווערען קיין ספעציעלע שטייערען אויף ווארשטאטען, וואו עס וועט זיין איין לוין־ארבייטער.

די בלינדע „אונדאנקבארקייט"
פארוואס שטרייקען הונדערטער טויזענדער ארבייטער?

כמעט גאנץ אומערווארטעט פאר דער אויסערליכער וועלט און פאר א סך אין פראנקרייך גופא האט זיך מיטאמאל פונאנדערגעפלאקערט א גראנדיעזער שטרייק, צו וועלכען עס שטעהען יעדען טאג צו אלץ נייע און נייע פאבריקען. יעדען טאג ווערט אלץ מעהר און מעהר פערכאפט דער גאנצער אינדוסטריעלער צפון פון שטרייק־נעץ. כדי צו געפינען די סבות, וועלכע ס'האבען מיטגעהאלפען דער שטרייק זאל בעקומען אזא פערנעם און גרויס, דארפען מיר א ביסל מאכן אן עקאנאמישען סקיצער פון פראנצויזישען מלוכה־לעבען.

נישט לאנג האט מען אין פארלאמענט דורכגעפיהרט דעם געזעץ וועגען סאציאלער פערזיכערונג, און דא איז געשעהן א וואנדער: אנשטאט צו בעגריסען און זיך פרייען מיט דעם געזעץ, וועלכער האט זיך א דאנק דעם סיסטעמאטישען סאבאטאזש פון די ארבייטסגעבער און די ריסעגישען צווישען די צוויי ארבייטער־פארטייען, צוועהן יאהר נאכאנאנד געשלעפט, אנשטאט איהם ווי געהעריג אפשאצען און אויסנוצען, האבען די ארבייטער־מאסען, די „גליקליכע בעניפיציאנטען" פון געזעץ פערשטרייקט און זעלבסטשטענדיג פערשטרייקט!!

כדי צו פערשטעהן די „בלינדע אומדאנקבארקייט" פון די ארבייטער, מוזען מיר זיך איינקוקען אין דער אלגעמיינער לאגע פון לאנד, און אויפכאפען דעם מאמענט, ביי וועלכען דער נייער געזעץ איז אנגעקומען און האט אזא שארפע רעאקציע ארויסגערופען. דער היגער לעבענס־מינימום שטייגט פון מינוט. אלע פראדוקטען ווערען טייערער. ברויט האט זיך גענומען קאטאסטראפאל הייבען אין פרייז. ערשט נאך דעם דרייסיגסטען יוני האט א קווינטאל ווייץ אין פאריז געקאסט הונדערט פיער און דרייסיג פראנק און דעם 20־טען יולי איז ער ארויפגעשפרונגען ביז הונדערט פינף און זיבעציג פראנק! און א קילא ברויט איז פון 2 פראנק ארויף ביז 35.2 פראנק און ס'האלט נאך אין איין וואקסען. די שלעכטע גערעטעניש אין פראנקרייך, די קאלטע און נאסע וועטערען פון מאי, יוני און די געוויטערען פון יולי האבען אנגעמאכט גרויסע צרות. און דעם יאהר וועט געווים פעהלען ברויט. די שרעקליכע טריקעניש אין אמעריקא דרייט אויך אז דער וועלט־מארק וועט דעם יאהר בעזונדער רייך אין ברויט נישט זיין. דרייך נאטור־סיבות לייגט נאך אויך, ווי געוועהנליך, דער מענש צו זיין האנד. די רעגירונג האט זיך מישב געווען און זייענדיג בעאיינפלוסט פון פראטעקציאניסטישען וועלט־שטראם, געהעכערט דעם צאל־טאריף אויף איינגעפיהרטע ברויט פון פערציג אויף אכציג פראנק א קווינטאל! נו, און נאכדעם קומט נאך די שיינע מדה פון דער היינטיגער שפעקולאציע! ביי דעם היינטיגען מארק־צושטאנד דער־ [illegible]

(א בריף פון פאריז)

טאל ברויט קיין אויסלאנד און צאהלט נאך פרעמיעס אויף א סומע פון דריי הונדערט מיליאן פראנק.

אומזיסט האט דער דעפוטאט טייער געשריבען אין אלע צייטונגען זיין געוואלד־געשריי וועגען פראנצויזישען „דעמפינג", אומזיסט ווייזען אן די דעמאקראטישע צייטונגען, אז אנשטאט צו טומלען וועגען סאוויעטישען „דעמפינג" (א מעטאד פון פערפלייצען פרעמדע מערקטען מיט ביליגע סחורות נידריגער פון זעלבסטקאסטען), זאל מען בעסער אויף זיך א קוק געבען. אומזיסט, מארדע מוט זיך דאס דיניגע. ער, דער מאן מיט אזא רייכען שפעקולאנטען־סטאזש, וויים אגענס און די שפעקולאציע־וואקכנאליע שטייגט און ברויט יאגט זיך מיט איהר צוזאמען, און אנדערע פראדוקטען יאגען נאך די ברויט. די באלעבאטים פון די האטעלען און הייזער האלטען אין איין אויפשרויפען די פרייזען (לאקאטארען, טוריסטען און סטודענטען זענען דא די אומבעהאלפענסטע בעשעפענישען) און יעדער ... די געשעפטען ... די סחורות מעהר נישט אין זאך שטעהט אויך אנאנד: דער ארבייטער־לוין. ... פון פיהר־פונקט קאסט גענוג צייט, אנשטרענגונגען און אפשמאל קרבנות אויך...

און אין אזא מאמענט איז עס אונטערגעקומען דער געזעץ פון סאציאלער פערזיכערונג, וועלכער שניידט אפ אויטאמאטיש פיר פראצענט פון די שכירות פון יעדען ארבייטער, צו וועלכער קאטעגאריע ער זאל נישט געהערען. איצט איז שוין קלאהר די הארצקלעמעניש, מיט וועלכער דער ארבייטער האט די בשורה אויפגענומען און פארוואס ער האט גלייך געוואשען די ארבייט.

די סאציאלע־פערזיכערונג קאסט דער מלוכה (ריכטיגער געזאגט, וועט קאסטען, ווארום פון רעדען ביז געבען איז דאך נאך א גרויסער מהלך...) זעקס מיליארד פראנק און נעמט ארום אכט א האלבען מיליאן ארבייטס־מענשען. צוטיילט ווערט ער: אויף קראנקהייטען — צוויי מיליארד צוויי הונדערט מיליאן, גיבער־פערזיכערונג — פינף הונדערט פערציג מיליאן, אינוואלידען און טויט־פאלען — זיבען הונדערט זעכציג. אלטערסרענט — צוויי טויזענד פיר הונדערט מיליאן. אויבער פערזיכערונג — הונדערט מיליאן. פון די זעקס מיליארד פראנק צאהלען די אונטערנעהמער און ארבייטער צוויי מיליארד צוויי הונדערט מיליאן. די מלוכה — א מיליארד הונדערט מיליאן און די ארבייטס־געבער צוויי מיליארד זעקס הונדערט מיליאן.

די גרויסע בולוואר־פרעסע פילדערט און קאכט צו: סטייטשע היתכן, דאס ארבייטער וויל מען גליק־ליך מאכען, „מטל השמים ומשמני הארץ" געבען און סטאבאל אזא חוצפה'דיגער ענטפער!

וואס ווילען די ארבייטער? אז מ'זאגט ארבייטער מוז מען גלייך די נעהמען טיילען פון סאציאליסטישע פראפ־פעראיינען און קאמוניסטישע, וועלכע זענען ביי אונז כמעט פון גלייכער צאהל און ווירקונג.

די סאציאליסטען זענען לכתחילה געווען שטאלץ מיט זייער „נצחון" אין פארלאמענט (זיי האבען דעם געזעץ בעטראכט אלס זייערסטען נצחון) און זענען דעריבער שטארק צוטומלט געווארען פון צארן־שטורעם, אבער אלס פלינקע אפארטוניסטען האבען זיי זיך גלייך צוגעפאסט צו די ארבייטער־פאדערונגען און זיי תיכף אונטערשטיצט. זייער לאזונג איז איצט: שטרייקען, נישט לאזען די שכירות רייהרען און אונטערשרייבען, אז ס'איז נישט געגען סאציאל־פערזיכערונגס־געזעץ. אזוי אלס רופען צום שטרייק בידע, אי די סאציאליסטען, אי די קאמוניסטען און דערפאר מאכע האט דאס אנגעריהרט אזא צאהל ארבייטער.

די רעכטע צייטונגען זענען גאר מלא שמחה. זיי האבען אלעמאל געזאגט, אז דער געזעץ איז „פריה־צייטיג" (אין גרעסטען טייל לענדער איז שוין דער „פריה־צייטיגער" געזעץ א לאנג'עהריגער פאקט) און ער וועט ארויסרופען טומלענישען, און ברויט וועט שטייגען, ווייל די מלוכה און די פערמעגליכע קענען זיך דערלויבן נישט צאהלען אזעלכע שטייערן (מיר האבען שוין געזעהן, פארוואס ברויט שטייגט.. ווען די ברויט־מאגנאטען וואלט נאר געשריגען און נישט שפעקולירט הערביי, וואלט ברויט נישט אזוי געשטיגען...) הכלל מ'מוז רעווידירען דעם געזעץ און מאכען די „געהעריגע" ענדערונגען.

דאס שמעקט שוין מיט פארזוארפען טאריפען אין לינקיט און אוואנטאייזם...

אגב לייגט מען צו מיט פארבעהאלטענע רמזים, אז די קאמוניסטען זענען דאך איינגעפיהרט פון מאסקווע און זיי האלטען דאך שטענדיג, אז וואס ערגער איז אלץ בעסער... און בלום, דאס איז דאך אן אלטער שונא און געגנער פון פאטערלאנד, און דאס איז דאך דער זעלבער לעאן בלום, וועלכען די רעכטע פרעסע קען אליין נישט מוחל זיין, זיין ווערטעל „אז ס'גיהט א פעריאהר, ווען מ'דארף די לעגאליטעט שיקען אויף אורלויב"....

די דעמאקראטישע פרעסע „שטילט די געמיטער", רופט צו שלום און פערמיטלונג און, פערשטעהט זיך, אז דעם ערשטען טריט דארפען מאכען די ארבייטער... זיי זענען דאך פאקט די בעלי־עוולה'ס...

די נאהענטסטע טעג וועט מען שוין קענען זעהן, ווער וועט...

בי אליקום.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פראלאנגאציעס

טעגליכע כראניק פון האנדעלס-געריכט

אין אקטאבער האט די פירמע „ראפאל ווינ־טראוב", פיעטריקאווער 20, זיך געווענדעט אין גע־ריכט מיט א בקשה וועגן פראלאנגירן איהרע די צאהלונגען. די פירמע ארבייט אויס האלב־זיידענע סחורות אויף לוינען. איהר בילאנס האט זיך געשלא־סען מיט דער סומע פון 142,298 זל. מיט אנ־אקטיוו עודף פון 87.453 זל. דאס געריכט האט די בקשה אפגעווארפען, און די פירמע האט די העציגע אנגעקלאגט און אפעלאציע - געריכט. דאס אפעלאציע געריכט האט אפגעשאפט די העציגע פון לאדזשער קרייז-געריכט און לאזט ערטיילט דער פיר־מע א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען אויף דריי חדשים.

* * *

בערעק ליפשיץ, פיאטראוויטש 18, ארבייט אויס זייד־שטאפען אויף אייגענע מאשינען אויף פאר מאריסקא 73. די פירמע האט געהאט א גוטע קלי־ענטור און האט אפילו עקספארטירט איהרע אויס־ארבייטונגען קיין קאנאדע. דער בילאנס פון דער פיר־מע שליסט זיך מיט דער סומע 359,299 זל. לויט אפענע חובות איז מען דער פירמע שולדיג 182,225 זל. די פירמע איז שולדיג 136.123 זל. פון דעם אויך אקצעפטען 40,859 זל.

דאס לאדזשער קרייז-געריכט האט די העציגע אפגעווארפען. דאס אפעלאציע-געריכט האט דעם לאדזשער אורטייל מבטל געמאכט און האט דער פיר־מע ערטיילט א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען אויף 3 חדשים.

לאדזשער אינדוסטריע קען פערשטארקען איהר אפזאץ

ווילנע נעמט אויף א קאמף מיט'ןווירטשאפטליכען קריזיס!

די ספעציפישע געאגראפישע לאגע פון ווילנע, וועלכע געפינט זיך איצט'ן סאמען ווייטסטען מזרח־צפון־דיגען פונקט פון פוילען, בשעת פון באלטישע לענדער האט אנגעצייכנט פאר דער דאזיגער שטאט ספעציעלע ווירטשאפטליכע פערספעקטיווען.

און ווירקליך — ווילנע האט מיט זיך פארגע־שטעלט פאר זיכער גרויסער וועלט־מלחמה א בע־דייטענדען פערביינדונגס־פונקט צווישען מזרח און מערב־איראפע און א וויכטיגען צענטער פון האנדעל און אינדוסטריע. און אלס אזעלכע איז ווילנע גע־ווען א לעבעדיגע מיסיונזישטאט מיט ברייטע ווירטשאפטליכע השפעה אויף ווייטע האנדעלס שטחים און איראפע.

די מלחמה מיט איהרע פאליטישע אקופאציעס און מלוכה־איבערגאנגען האט צושטערט אויף א גע־וויסער צייט די פריהערדיגע אינטענסיווע האנדעלס־און אינדוסטריע־ענטוויקלונג פון ווילנע. די ניי־ענטשטאנענע גרענעצן מיט ליטע און לאטוויע פער־באנד האבען פאראליזירט און א געוויסער ריכטונג איהרע טראנזיט־מעגליכקייט.

דאס אליין האט געבראכט דערצו, אז אין די צפון־מזרח'דיגע געביטען פון פוילען בכלל און אין ווילנע בפרט זאל אויסשטעהן א שווערער ווירטשאפט־ליכער קריזיס, וועלכער האט זיך פערשטענדליך אפ־געהאלטען קאטאסטראפאל אויפ'ן ווילנער יודענטום און איהם מאטעריעל רואינירט.

די ווילנער ווירטשאפטליכע האנדעלס, אינדו־סטריע און לאנדווירטשאפטליכע קרייזען האבען זיך נישט געלאזט איינשלעפערן פון דעם פון ווירט־שאפטליכען קריזיס. מיט ענערגיע און עקשנות האט מען זיך גענומען צו א ווירטשאפטליכער אויפבוי־ארבייט. ווידערבעלעבען ווילנע איהרע פריהערדיגע מערק און איהרע פארמאל'מזרח'דיגע האנדעלס־און אינדוסטריע־פאזיציעס.

די אויפבוי־אנשטרענגונגען פון ווילנע זענען גע־קומען צום בולטסטען אויסדרוק אויף דער ברייט־פערמאסטענער אזמפעזיע פון ווילנער אלפוילישען צפון־ירידי אנאיעסטרעדיגונג פון א־אי־סערגעשטנג־ליך וויכטיגער בעדייטונג נישט נאר פאר ווילנע און די פוילישע צפון־מזרח'דיגע געביטען אליין, נאר פאר דער גאנצער פוילישער רעפובליק, אלס אזעלכער וי אויך פאר די אומיגע שכנים־מלוכות — די באלטי־שע לענדער.

דער צפון־ירידי האט זיך גליך ארויסגעוויזען אלס א ערפאלגרייכע ווירטשאפטליכע אונטערנעמונג, וועלכע האט ארייגעטראגען א געוויסע אויפלעבונג אין ווילנ. און די אומיגע צפון־מזרח'דיגע געביטען. ביי א האלבען מיליאן מאן האבען באזוכט דעם ערשטען צפון־יריד, צווישען זיי א 100.000 געסט פון קאנ־גרעס־פוילען, גאליציען און באלטישע לענדער.

און ירידי כּפא האבען אנטיילגענומען ביז א מיליאנען אויסשטעלער. צווישען זיי אין אלגעמיין 25% יודען; אין דער האנדעלס־אפטיילונג ביז זיבעציג פראצ. יודען. דער ערפאלג פון יריד האט איבערראשענד די ערווארטונגען. און נישט אומזיסט: ווילנע שטעלט זיך פאר א גלענצענדען צוגעפאסטען שטח פאר יריד'ים און אויסשטעלונגען מיט א פראבאגאנדע־כאראקטער פאר די פוילישע הויפט־שטאט און אויסארבייטונגען, ווייל ווילנע געפינט זיך כמעט אין צענטער פון צפון־מזרח איראפע און בעזיצט קרובה־שע עקאנאמישע פארבינדונגען מיט די באלטישע לענדער.

און היינטיגער אין קלאר, אז דער צפון־יריד פון מראגען נישט נאר א קרעסען־כאראקטער איהר אוי־סשליסליך פוילישען כאראקטער, זיין גורל און פערוואנדעלט צו ווערען אינם יריד פון פוילען און די באלטישע לענדער.

און מיר זעהען טאקע, אז דער איצטיגער „פאר־שטעהענדיגער" צווייטער צפון־יריד אין ווילנע האט א־ריסגעטראפען א גרויסע פראנאנצירונג אין די באלטישע לענדער (עסטלאנד, פינלאנד און לעט־לאנד), וועלכע וועלען זיך בעטייליגען אינם יריד מיט גאנצע ריהע פירמעס און טוזענדער עקספאנאטען און דער גרויסער פויליש־באלטישער אויסשטעלונג פון פאלקס־קונסט און פאלקס־אינדוסטרי'ע, וועלכע ווערט פארקומען אין ווילנע גלייכצייטיג מיט'ן יריד איז אפט שטח פון בערנארדיגער גארטען. ס'ווערען אויך עק־האלט פיליצאהליגע גרעסערע אויספלוגען פון תיירים־שאפט־ליט און אינטעליגענץ פון די באלטישע און סקאנדינאווישע לענדער.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם בעקומט דער צפון־יריד א גרויסע בעדייטונג פאר די פוילישע אינדו־סטריע־צענטרען, ווי לאדז וכדומה, ווייל ווילנע קען א דאנק דעם צפון־יריד דינען אלס אפזאץ־מארק פאר זייערע סחורות פאר די באלטישע לענדער.

סך הכל: אויפצולעבען ווירטשאפטליך ווילנע, אינטענסיווירען דעם האנדעל, אינדוסטריע און לאנד־ווירטשאפט אויף די קרעסען, שאפען אפזאץ־מערק פאר די פוילישע סחורות אין די באלטישע לענדער — דאס זענען אין קורצען די הויפט־אויפגאבען פון צפון־יריד, וועלכער וועט צוליב פערוואנדלען ווילנע אין א וויכטיגער האנדעלס־ און אינדוסטריע־שטאט פון צפון־מזרח איראפע און ווערן בעדייטענדען טראנ־זיט־פונקט ביי די האנדעלס־וועגען פון די באלטישע לענדער.

מארק דמארזשעצקי.

די טראגעדיע אין דער אנשטאדט-אלייע

די דערשאסענע מאלקאווסקא איז געשטארבען. — דער מערדער און זעלבסטמערדער יאנקאווסקי קעמפט מיט'ן טויט

אין נעכטיגען נומער פון „נייעם פאלקסבלאט" האבען מיר שוין געבראכט די ידיעות וועגען דעם שוי־דערליכען מארד און זעלבסטמארד, וואס איז אויס־געפיהרט געווארען אין דער אנשטאדט־אלייע נעכטען פארטאג.

מיר זענען געווען דיר איינציגע צייטונג וואס האט געבראכט א בעריכט וועגען דער געשעהעניש.

דאס „פינף־גראשען־בלאט" האט נעכטען גע־בראכט ווייטערדיגע איינצעלהייטען און ארצט דער־זייגען מיר זיך נאך פאלגענדע פרטים פון טראַ־גישען פאל:

ווי די פאליציי האט פעסטגעשטעלט איז מאל־קאווסקא א טאכטער פון פראנציישעק ניעמירעווסקי וועלכער איז זייט 12 יאהר בעשעפטיגט אלס קעל־נער אין „ביאלי באר" אויף קאנסטאנטינער 11, מיט עטליכע יאהר צוריק האט זי חתונה געהאט מיט דעם שלאסער מאלקאווסקי, זי האט איהם אבער פערלאזט נאך 3 יאהר צוזאמענלעבען, און גע־וואוינט אויף טאמאשאווסקא 4, זי האט געגעבען לעקציעס פון מוזיק און האט אין די אווענטען גע־שפילט אין א רעסטאראן. דארט האט זי זיך בעקענט מיטן פאליציאנט יאנקאווסקי.

יאנקאווסקי, וועלכער דינט שוין זייט 12 יאהר האט אין פאליציי געהאט א גוטען נאמען. ער האט געהאט א פרוי מיט צוויי קינדער, וועלכע זענען אויך זמער ארויסגעפאהרען צו זייערע קרובים.

אין פאליציי האלט מען, אז מאלקאווסקי האט נישט געוואלט זיך טרעפען מיט יאנקאווסקי'ן, ווייל ער איז געווען א פאמיליען־פאטער, און'ס טראגי־שע אווענד איז צווישען זיי פארגעקומען: דער ענט־שיידענער געשפרעך, און אין רעזולטאט האט יאנ־קאווסקי וועלכער האט אין אנגרייף אווענד מכפר גע־ווען זיין געליבטע מיט בלוטען איהר ארייגעשאסען 2 קוילען, און שפעטער דערשאסען זיך אליין.

נעבען די טויטע האט מען טאקע געפונען דעם פידעל פון מאלקאווסקא און א בוקעט בלומען.

נעכטען 3 א זייגער ביינאכט איז מאלקאווסקא געשטארבען, נישט קומענדיג צום בעוואוסטזיין, דער צושטאנד פון יאנקאווסקי איז זעהר אנערנסטער, אויב ער וועט אפילו בלייבען לעבען, וועט ער פער־בלייבען א קאליקע.

די פאליציי האט דער מאלקאווסקא נישט אויס־געפארשט ווייל זי איז די גאנצע צייט געווען אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד. אויך יאנקאווסקי איז נאך נישט געקומען צו זיך און מ'קאן איהם נישט אויס־פארשען.

די קאנאליזאציע-ארבייטען אין יולי

(מ) לויטן בעריכט פון דער קאנאליזאציע־אפ־טיילונג ביים מאגיסטראט זענען אין יולי אויסגע־פערטיגט געווארען 1442 מעטער קאנאלען, 54 ברונעמלעך און 426 מעטער צופיהר־קאנאלען. צוזאמען זענען ביז סוף יולי אויסגעפערטיגט געווא־רען היי־יאהר 3818 מעטער קאנאלען, 864 מעטער צופיהר־קאנאלען און 109 גאסער־ברונעמלעך. א חוץ דעם איז רעגולירט געווארען 389 מעטער טייך.

אין יולי זענען ביי די קאנאליזאציע־ארבייטען געווען בעשעפטיגט 1353 ארבייטער (אין יוני — 1214). דער קאסע־בעריכט פון 1. יאנואר שליסט זיך מיט דער סומע 2.036.881 זל. און דעם אויף ארבייטסלוין 1.359.846 זל. ד. ה. צירקא 67 פראצ.

פערמשפט 3 יוגענטליכע צו 1 יאהר טורמע פאר קאמוניזם

(2) ערווא קאהן, 19 יאהר אלט, וואלף פיר־נענבוים, 20 יאהר אלט, און מאניא טענדלאשיק, 22 י. א. זענען נעכטען אין היגען קרייז־געריכט גע־משפט געווארען א אנגעהעריגקייט צו קאמוניזם און פונאנדערקלעבען קאמוניסטישע פלאקאטען, קיינער פון די יהאט זיך נישט מודה געווען. דאס געריכט האט פערמשפט יעדען צו א יאהר טורמע.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(ב) מ. ליפעק (פיעטריקאווער 193) מילש (פיעטרקאווער 46). גראשקאווסקי (ליסטאפאד 11) פערעלמאן (ציגעל גאס 64) ניעווישאווסקי לימאנאווסקי 57) יאנקעלעוויטש (פלעצער מארק 9)

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נאראטאוויטשא 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.

לעצטע גאסטראלען פון די ליבלינגס־ארטיסטען
ווערא קאניעווסקא און פאול ברייטמאן

שבת, 4 נאכמ. פרייזען פון 80 גר. ביז 3 זל. צום לעצטען מאל, 30 נומערן געזאנג 30
„אמעריקאנער חתונה"
אין 2 אקטען מיט א פלאט. מוזיק פון רומשינסקי
ראלען: מאמע — קאניעווסקא. מלך — ברייטמאן

שבת, דעם 23־טען, זונטאג, דעם 24־טען, 9 אווענד, גרויסער מוזיקאלישער שלאגער
פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין לאדז! געזאנג! געלעכטער! הומאר! טענץ!
„איציקל קאזאק"
אין 2 אקטען פון י. שטיינבערג, מוזיק פון ש. סעקונדע. ראלען: איציקל — קאניעווסקא
וואלאדיא — ברייטמאן. פאלגענדע נומערן ווערען געזונגען: טשירי בירי באם. גאר ביי אמעריקא. סערקעלע. גלייכע רעכט. הויב די פיסלעך. אוי די ליבע. סערקעלע ליובא מיין. ווי ליבע דארט איז גליק. רוסישער כאר. כלה בעזינגען. טאנגא־דועט. הורא פאר אמעריקא.

מאנטאג, דעם 25־טען, 9 אווענד, פרייזען פון 80 גר. ביז 3 זל.
„רומענישע חתונה" ראלען: דבורה — קאניעווסקא. ישראל קיזלער — ברייטמאן

דינסטאג, דעם 26־טען, 9 אווענד
לעצטע אפשיידס - פארשטעלונג
„איציקל קאזאק"
אין 2 אקטען פון י. שטיינבערג, מוזיק פון ש. סעקונדע. ראלען: איציקל — קאניעווסקא. וואלאדיא — ברייטמאן

מ'באטייליגט אקטיוו פרויען: בעזמאן, זינגערמאן, ליבראווסקא, נערה, טאדעמאן. מענער: ערזעל, באלבירסקי, האמבורגער, הילסבערג, הערשקאוויטש, גייהוי, רעקסין. דירעקטאר ל. זעלמאן.
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

אויגוסט	דאנערשטאג
זון־אויפגאנג 3.56	21
זון־אונטערגאנג 7.28	כז
	אב תר"ץ

דער נייער שול-יאהר — 2. סעפטעמבער

דאס לאדזשער שול־קוראטאריום באט אונז מיטצוטיילען, אז דער נייער שול־יאהר הויבט זיך אן דעם 2 סעפטעמבער. די ביזאיצטיגע אינפאר־מאציעס אין דער פרעסע זענען געווען נישט גענוי.

א פאסט-אפטיילונג אויף דער קאלישער באהן=סטאציע

(א) דאס פאסט־מיניסטעריום האט בעשלאסען צו עפענען אין לאדז נאך א פאסט־אמט ביי די קאלישער באהן. דאס באהן־מיניסטעריום האט אויסגעטיילט א פלאץ וואו דער פאסט־בנין וועט געבויט ווערען. די בוי־ארבייטען וועלען זיך אנ־הויבען אין פריהלינג פון קומענדיגען יאהר.

וועלכע סחורות מעג מען פיהרען דורך פוילען

פון דייטשלאנד קיין רוסלאנד אהן ספעציעלע ערלויבנישען

דער פינאנץ־מיניסטער האט פערעפענטליכט א רשימה פון די סחורות, וועלכע מען מעג פיה־רען דורך פוילען, פון דייטשלאנד קיין רוסלאנד אהן ספעציעלע ערלויבנישען.

אלומיניום (מעטאל און נישט קיין אויסארביי־טונגען), דענטיסטישע און מעדיצינישע אפאראטען, עלעקטרישע ארמאטור, אויטאמאטען, אלערליי בלע־כען, שרויפען, ציגעל, ציבעלעס, כינין, צינק, דאן־רעקונגען, דראטען, דינאמא־מאשינען, עלעקטרא־מאטארען, אנילין־פארבען, פילמען, פארגירען, אר־בעס. שוואמען, אוזאלאטארען, אייער, אסבאלט־שטיינער, קאאוטשוק, קאוויאר, באהן־צודאטען, ביי־נער, ביכער, זויער־שטאפען, פוטער, מאשינען, מעהל, מעש, זריעות, פעדערס און בלייפעדערס, פרוכטען, פאפירען, אייזענווארג, סמאלע, אלערליי אויטא'ס, אויסער אויטאבוסען, בערשטען, שמאטעס, טאבאק (מיט'ן אבגעזיצען די מאנאפאל־פארשריפטען), וואל, לעדער־אויסארבייטונגען, קארטאפעל א. ד. ג.

ערשטע זיצונג פון ראט אין דער שטעטישער שפאר - קאסע

(מ) ווי בעקאנט האט דער לאדזשער שטאט־ראט בעשלאסען צו גרינדען א קאמונאלע שפאר־קאסע פון דער שטאט לאדז, אייערנעכטען איז פארגעקומען די קאנסטיטואירענדע זיצונג פון דעם ראט. די זי־צונג איז געעפענט געווארען דורך וויצע־פרעזידענט וויעלינסקי, נאכן בעשטעטיגען די טאג־ארדנונג איז דורך א געהיימער אפשטימונג איינשטימיג אויסגע־וועהלט געווארען אלס פארזיצער פון ראט ה"ר וויע־לינסקי און אלס וויצע־פרעזעס — קולאכאוויטש. נאכדעם איז מיט איניגע אויסבעסערונגען אנגענומען געווארען דער רעגולאמין און ס'איז אויסגעוועהלט געווארען א קאמיסיע פאר אנגעטייטע ענינים, און דער קאמיסיע זענען געוועהלט געווארען די ראטמע נער ואנדושעיאק, עוואלד און רום. ס'איז אנגענומען געווארען דער בודזשעט אויף 4 חדשים אויף 17300 זל. און ס'איז בעשלאסען געווארען צו פערעפענטליכען א קאנקורס אויף'ן אמט פון א דירעקטאר.

אויטא-ארגיעס

(א) נעכטען איז אויף דוג נאפיורקאווסקי און קאנסטאנטינער איבערגעפאהרען געווארען דער 17 יאה־ריגער ארבייטער ערווין קראנצלער פון נאוואקרוט־קע 9. ער איז ארונטערגעפאלען אונטערן אויטא און ס'האט ביי איהם געפלאצט דער שארבען און ס'איז אפגעריסען געווארען דער רעכטער אויער. מ'האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל.

אויף נארוטאוויטש 40 איז איבערגעפאהרען געווארען דורך א טאקסובקע יוזעף מאלעצקי. ביים אומגליקליכען האט געפלאצט דער בויך. אין א שווערען צושטאנד איז ער אפגעפיהרט געווארען אין פאזנאנסקיס שפיטאל. אין בײדע פאלען זענען די שאפערן ענטלאפען, די פאלען פון איבער־פאהרען דורך די אויטאס ווערען שוין צו אפט. מ'דארף שוין נעהמען ענערגישע מיטלען, וואס זאלען צוימען די „וואוילערישקייט" פון די צו ענערגישע שאפערס.

געפונען א 3-יאהריג מיידעלע

אויף קאנסטאנטינער 68 ביי אפעטהיים גע־פונען זיך א 3 יאהריג מיידעלע מיט א רויטע קאפ פאכ. די [illegible]

„לאדזער פראוואקאטארען“

פינסטערע געשטאלטען פון דער לאדזער פערגאנגענהייט

(המשך).

אנגא האט מיך געטריבען פון זיך, זי האט מיך נישט געלאזען אויף די אויגען, מיר איז הער־היבער מיאוס געווארען דאס לעבען. צוריק האב איך שוין ג־ישט געקענט, פארלאזט איז נישט געווען וואוהין, איצט נאך ווען זי אנגא איז פשוט, צוליב אנדערע לייטען, ווארום פון זיגען האט מיין לעבען בכלל נישט מעהר געהאט קיין צוועק. איך האב דער־היבער באשלאסען א סוף צו מאכען צו מיין לעבען, ווען אהר וועט לייענען די דאזיגע שורות וועט מיין נשמה זיין שוין אויף, וועג צום הימעל. זייט־זשע געזונד און געדענקט מיר צו טון די טובה מיטצו־טיילען וועגען מיין טויט דער ווארשאווער ס.־ד.קישע ארגאניזאציע. — אייער „אריעל“.

ווען איך האב איבערגעלייענט דאס בריוועל, האב איך אליין נישט געוואוסט, וואס כ'האב אנגעהויבען צו טון. איך בין געלאפען אהין וואו איך פערשידענע ערטער, וואו כ'האב נאר געקענט האבען א קלער, אז ער האט נאר געקענט זיין, און בין אזוי ארומגעלאפען געטליכע שעה ביז איך בין ארויף צו סעמיאן ארזאנאוויטש און איהם איבערגעגעבען דעם בריוו, ער איז געווארען שטארק אויפגערעגט, האט גענומען דאס טעלעפאן־טרייבעל און האט אנגעטעלעפאנירט צום וואכיארמסקי נאטשאלניק. וואס פאר א שריט דער נאטשאלניק האט פארגענומען ווייס איך נישט, איך ווייס נאר, אז מ'האט אריעל געזוכט, וואו לאנג האט נאך אנגעק. ערשט אין אוונט האט מען זיך דערוואוסט, אז אריעל האט זיך דערשאסען אויפ'ן יודישען בית־עולם, זיכער דערפאר, ווייל מ'זאל איהם קיין לויה נישט דארפען מאכען, די לאדזער צייטונגען האבען געברענגט וועגען דעם נאר א קורצע נאטיץ, בייי דער קבורה איז קיינער נישט געווען.

איך האב אריעלס צוואה צוריקגעפיהרט אויפן בעסטען אופן, איך בין אליין צוזאמענגעפאהרען קיין ווארשע און אזוי איינגעארדנעט, אז אריעלס בריוו זאל קומען אין די הענט פון דער אגיטאציע־שאפט פון דער ס.־ד.קישער ארגאניזאציע אין ווער־טאמיר (נאך דער רוסישער רעוואלוציע האב איך טאקע בעמערקט אריעלס נאמען אין דער רשימה פון געוועזענע פראוואקאטארען).

איז בת צווייטענפאהרען קיין לאדז, וואר דאס אינסטינקטיוו געפיהלט, אז איך וועל טיילען דעם גורל אדער פון אנגא אדער פון אריעל. דאס האט איך בעמערקט סעמיאן ארזאנאוויטש, וועלכער האט מיך נישט מעהר אזוי פיל בענוצט, נישט אזוי פיל געפיינט מיט זייגע פראגען און זייגע שפיצעלע קאמאנדע אויגען נאגען נישט געווען מעהר צו מיר אזוי אומבאהוטזאם.

מיין העמאלטער, וואס איך האב געהאט און טאש האב איך געהאט עטליכע מאל און טאג אין האנד, נישט איינמאל האב איך איהם צוגעשטעלט צו מיין קאפ, אבער מיר האט נישט געלאזט קיין מוט, איך האב נישט געקענט, איך בין געווען א מורא.

מיר איז העריבער איינגעפאלען דער פעשוט־טער געדאנק צו אנטלויפען קיין אויסלאנד, אבער ווי אזוי טוט מען דאס? קיין געלד האב איך נישט געהאט, קיין שום דאקומענטען אויך נישט, קיין שום בעקאנטע אויך נישט און ערגיץ, דאס וועלען אויך זאגען מיינע חברים, איך האב געקענט ציהען אויף מיר א חשד און איך וואלט שוין קיין לעבע־דיגער נישט אנטלאפען. מיר איז העריבער איינגעפאלען א משוגע'נער געדאנק. איך זאל געהן צו דעם פאבריקאנט, דער אנציהער; וועלכען איך האב גרויסע טובות געטון בשעת מיר זענען בייהן געזעסען און שוין און איהם בעטען, אז ער זאל מיר העלפען אנטלויפען קיין אויסלאנד.

אויף צומארגענס בין איך געווען ביי דעם גע־רישען פאבריקאנט. איך האב איהם אויפריכטיג דערציילט מיין גאנצע לאגע, איך האב געוויינט פאר איהם ווי א קליין קינד. ער האט נארגישט גערעדט, מיך געטרייסט, צוגעזאגט צו זיין פאטער, ארויסגע־נומען טויזענד רובעל מזומנים און זיי מיר דערלאנגט.

איך בין געווען איבערראשט, ער האט מיך נישט געלאזט דאנקען, ער האט מיר נאך געגעבען א בריוו קיין סאסנאוויץ צו א שמוגלער, ווינס א בעקאנטען, וועלכער האט מיך געהאלפען איבערשווארצען די גרענעץ, און בין אוועק און נאך אין דעמזעלבען אוונט בין איך אנטלאפען. צומארגענס איז־דערפריה בין איך שוין געווען איבער דער רוסישער גרענעץ. ווי איך האב מיך איבערצייגט, האט די פוילישע ארגאניזאציע און לאדז נישט געוואוסט און ווייסט נאך עד־היום נישט, אז איך בין געווען א פראוואקאטאר.

(סוף).

> אין דער סעריע
>
> # „לאדזער פראוואקאטארען“
>
> וואס געהט איצט אין „נייעם פאלקסבלאט“ און וואס האט ארויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס ביים לעזער־עולם,
>
> **הויבט זיך מארגען פרייטאג אן צו דרוקען א מערקווירדיג קאפיטעל:**
>
> ## די געשיכטע פון בערימטען לאדזער פראוואקאטאר נח
>
> דער דאזיגער נאמען איז ווי א פינסטערער שאטען, ווי א שרעקליכע לעגענדע אריין אין דער געשיכטע פון לאדז. עס זענען פארהאן אין אונזער שטאט פיל מענשען, וועלכע געדענקען נאך אט דעם ב י ד ע ן גייסט פון דער יודישער ארבייטער־בעוועגונג. זיין שענדליכער נאמען איז אלעמען בעקאנט, ווייל ער ווערט איבערגעגעבען ווי א געשפענסט־ערצעהלונג פון עלטערען צו קינדער.
>
> **וועגען פראוואקאטאר נח**
>
> **הויבט אן צו דערצעהלען דער פרייטאג־נומער פון „נייעם פאלקסבלאט“.**

דיפלאמירטער אויסוואורף

פערגוואלדיגט א 16 יאהריגע טאכטער פון א געוועז. מיניסטער

אין דער פוילישער אריסטאקראטישער וועלט אין ווארשא רעדט מען פיל וועגען א דראמאטישען גע־שיכטע, וואס האט פאסירט מיט א יונגער טאכטער פון א געוועזענעם מיניסטער. די 16־יעהריגע העלענא ז. איז ערצויגען געווארען אין בריליאנטען גייסט און פלעגט קומען זומער צום גוט אין קאשטשאל.

דעם לעצטען זומער איז דאס מיידעל געווען אין קאשטשאל אויף פלאץ זבאוויטשעלא, מיט עס זענען צו איהר צוגעשטאנען 2 יונגע־לייט, דער 29־יעהריגער אינושינער אנטאש זאיאנטשקאווסקי מיט זיין חבר סטעפאן קארטשאק, וועלכע זענען איינגעארדנעט אין אקאדעמישען הויז (נאוויצקא 39).

דער אינושינער זאיאנטשקאווסקי האט אנגע־הויבען אנטרעדן דאס מיידעל, זי זאל בייקומען אין „אקאדעמישען הויז“, וואו עס דארף פאר'קומען אן אונטערהאלטונג פאר די אנגעזעהענע אמע־ריקאנער פאלק'ען, וואס קומען לעצטענס אין ווארשא. געבענדיג זיין ערהרענווארט אז ער האט נישט קיין שום שלעכטע כוונה, האט זיך זאיאנטשקאווסקי ער־וואָרבען דעם צוטרוי פונ'ם מיידעל און זי איז מיט איהם אוועק אין אקאדעמישען הויז אויף דער פא־ליאנט.

זאיאנטשקאווסקי האט אבער פערנארט דאס מיידעל צו זיך אין צימער און האט פערשלאסען די טיר. אין אנפאנג האט ער זיך געהאלטען קארעקט אבער וואס ווייטער אלץ ער געווארען אלץ מעהר ברוטאל און צום סוף האט ער די פערגוואלדיגט. זיין קרבן האט זאיאנטשקאווסקי געפיינט פון 11 אזייגער ביז 1 ביינאכט. נאכהער האט דער אויסוואורף אין'פגעווארפען דאס מיידעל פון צימער, דערהענדיג מיט נקמה, אויב זי וועט עפעס דערציילען...

דאס מיידעל איז א פערצווייפעלטע אוועק אהיים און מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלט דער מוטער וועגען איהר אומגליק.

די עלטערען האבען גלייך געמעלדען דער פא־ליציי. בעת דער מעדיציני'שער אונטערזוכונג האט מען פעסטגעשטעלט, אז דאס מיידעל איז שטארק צובי'מען און דער גאנצער קערפער איז געווען בע־דעקט מיט בלויע צייכענס. דעם פערברעכערישען אינ־זשעניער האט מען ארעסטירט. ער איז געווען שטארק צעדראפעט און עס איז אויף איהם געווען צעפליקט די וועש, דאס עס ווייזט, אז דער קרבן האט זיך ענערגיש פערטיידיגט...

לויט דער פעראדנונג פון אויספארשונגס־ריכ־טער איז דער אינזשעניער זאיאנטשקאווסקי איינגע־זעצט געווארען אין תפיסה.

אויטאבוס־קאטאסטראפע

היינטער זגערזש

פערוואונדעט 10 מענשען. דער שאפער איז אנטלאפען

(2) אייערנעכטען אין אוונט (אין אויפ'ן שא־סעי צווישען זגערזש און סטריקאוו פערגעקומען אן אויטאבוס־קאטאסטראפע. דער אויטאבוס נומער 1481 ל.ד. וואס געהערט צו יעקב קלאר פון גלאוו־נא איז מיט צעהן פאסאזשירען געפאהרען פון לאדז. דער שאפער אנטאני בערעזקי האט דעם אויטאבוס געלאזט פאהרען בערעק, הגם איך מאטאר איז גע־ווען א קליינער דעפעקט. בערעק האט פעררוכט דעם אויטאבוס. דער אויטאבוס האט זיך איבערגעקעהרט אין א גרוב, צוריקענדיג די פאסאזשירען. צעהן פערזאן זענען פערוואונדעט געווארען, פון זיי — פיר שווער, מ'האט זיי אפגעפיהרט אין זגערזשער שפיטאל דער שאפער איז אנטלאפען.

64 יאהריגער זקן

פערגוואלדיגט מינדעריעריגע קינדער

(2) וואיטשעך וואשינסקי איז שוין אלט 64 יאהר, אבער ער איז נישט געווארען וועניגער אויס־וואורף ווי ער איז געווען. אין יאהר 1927 האט ער פערנארט צו זיך אין וואוינונג אויף יאראטסקא 9, די 12־יעהריגע אגנא ט. און האט זי פערגוואלדיגט. זומער 1929 האט דער אלטער אויסוואורף ווידער פערנארט צו זיך אין וואוינונג די 13־יעהריגע העלענא וו. און אויך די פערגוואלדיגט.

נעכטען איז זיין פראצעס פארגעקומען אין היגען קרייזגעריכט, נאכ'ן אויסהערען די עדות האט דאס געריכט פערמשפט דעם אלטען בעל־עבירה'ניק אויף 18 חדשים טורמע.

א שטרייק ביי די שוסטער

באלופניקעס

די אלטמארק־שסטער באלופניקעס ארבאנור־זוכט ביים האנדווערקער־פעראיין, וואלטשאנסקי 19 האבען ארויסגעשטעלט א לוין־הוספה פון 20 פראצענט. צוליב דעם, וואס די ארבייטסגעבער האבען אפגעווארפען די פאָדערונגען און געמעלדט איבער פרית אויסגעבראכען א שטרייק. עס שטרייקען 38 שוסטער־ווארשטאטען.

ווייגטרויבען ווערען ביליגער

ס'זאל נאר זיין פארוואס זיי צו קויפען

ווי מיר דערוויסען זיך וועט פונ'ם 1. סעפטעמ־בער הער צאל אויף ווייגטרויבען פערקלענערט ווער־רען און וועט בעטרעפען אנשטאט 85 גר. פאר א קילא — בלויז 45 גר.

אין דער זעלבער צייט וועלען אויך פערגרע־סערט ווערען די ביזאנטינע קאנטינגענטען, אויס־ארום וועלען די פרייזען פון ווייגטרויבען בעדייטענד פאלען, שוין איצט הערען זיי ביליגער און צוליב דעם וועלען זיי אויפהערען צו זיין א נאשערייי פאר יחידים און צוגענגליך פאר די ברייטערע שיכטען.

אויף „אויספערקויפען“ און „ביליגע וואכען“

מוז מען האבען אנ'ערלויבניש פון אינדוסטריע־אמט

אויפ'ן סמך פונ'ם אנדוסטריע־געזעץ מוזען אלע סוחרים, וואס ארגאנען איין און זייערע געשעפטען אויספערקויפען, ליקווידאציעס, אדער „ביליגע וואכען“, מעלדען וועגען דעם דער אינדוסטריע־אפטיילונג פון מאגיסטראט. פאר נישט מעלדען דראהט א געוויסע שטראף.

אין משך פונ'ם לעצטען יאהר זענען פארגעקו־מען פיל פאלען, ווען סוחרים האבען נישט געמאלדען וועגען איינגעארדנעטע אויספערקויפען און דער אינ־דוסטריע־אמט האט צוזאמענגעשטעלט פראטאקאלען און זעהר פיל בעשטראפט די דאזיגע סוחרים, ווייל דאס אינדוסטריע־אמט איז ארויסגעגאנגען פונ'ם שטאנדפונקט, אז נאך נישט אלע סוחרים האבען געוואוסט וועגען דער דאזיגער פעראדנונג.

היינטיגער דאס דאס אינדוסטריע־אמט בעשלאס־סען ארויסצולייגען פיל הארבערע שטראפען פאר נישט מעלדען וועגען איינגעארדנעטע אויספערקוי־פען. מען וועט ארויסשיקען ספעציעלע קאנטראלע־רען, וואס וועלען פעסטשטעלען, צי די אויספער־קויפען זענען איינגעארדנעט געווארען אין דער צייט, וועלכע איז אנגעגעבען געווארען אין די מעלדונגען פון די סוחרים.

ערב דער פרעמיערע פון לייוויקס „גולם“

ביי די ווילנער אין שטאטישען טעאטער

די פארבערייטונגען ביי די ווילנער צו דער פיי־ערליכער פרעמיערע דער „גולם“ פון לייוויק, זענען אין פולען גאנג. יעדען טאג קומען פאר פראבעס. עס ארבייט דער גאנצער אפאראט. עס ווערען צוגע־גרייט ספעציעלע פלאסטישע טענץ, פאסענדע מוזיק און דעקאראציעס. די פרייטאגדיגע פרעמיערע פון „גולם“ וועט באמת זיין א יום־טוב פאר'ן גאנצען יודישען לאדז.

צו דעם יום־טוב קומען אויך צו פאהרען א גאנצע רייה שרפטשטעלער און קינסטלער, פרעסע־פארשטעהער פון ווארשא. אויך אין לאדז גרייט מען זיך אין אלע קרייזען פון דער יודישער בעפעלקערונג צו דעם גרויסען טעאטער־יום־טוב.

היינט געהט די זעהר פרעהליכע קאמעדיע „א מעשה מיט הערשעלע אסטראפאליער“.

מאשין־לעבער ווערן אנגענומען אויסצאהלען ביי ג. גארדמאן, צעגעלניאנע 29

דינסט בעגנב'עט איהרע בעלע־באטים און אנטלאפען

(ג) די פאליציי האט בעקומען א מיטטיילונג אז אין דער וואוינונג פון יעקב קאלאוו אנגא נאם 2 איז אויסגעפיהרט געווארען א גנבה. קאלאוו איז מיט זיין פאמיליע ארויסגעפאהרען אויף זומער־וואוינונג און אין דער שטוב האט ער איבערגעלאזט זיין דינסט סטאניסלאווא מאכטשיק. ווען קאלאוו איז היינט געקומען אהיים האט ער די דינסט נישט געטראפען און האט אויך נישט געפונען זיין צירונג און פיל זאכען. 4 טויזענד זל. מזומן, דער היזק בעטרעפט צעהן טויזענד זל. פאליציי זוכט די דינסט. פערטייל האט מען זי נישט געפונען.

ארויסגעגנבעט א ספר־תורה

פון פיאנטקער שוהל

פון פיאנטקע מיילט מען אונז מיט, אז די פער־גאנגענע וואך איז דארט אויסגעפיהרט געווארען א גנבה אין דער דארטיגער שוהל ביי דער חברה „בקור חולים“. די גנבים האבען ארויסגענומען פונ'ם ספר די עץ־חיים'ס און זיי איבערגעלאזט. דער גבאי האט בעשטימט א בעלוינונג פון 100 זל. פאר דעם, וואס וועט צושטעלען דעם געגנב'עטען ספר, אדער וועט אנגעבען ווער ס'האט אויסגעפיהרט די גנבה.

יודישע געזעלשאפט פאר לאנד־וויסענשאפט

(קאמוניקאט)

די יונגע אפטיילונג פון דער יודישער געזעל־שאפט פאר לאנד־קענטשאפט ארגאניזירט פאלגענ־דע אויספלוגען:

ראגערשטאג, ה. 21. ר. ה. 8 אוונט אויף דער בילדער־אויסשטעלונג פון די מאלערס סטיך אין דער שטאטישער קונסט־גאלעריע (שענקעוויטש פארק).

שבת, ה. 23. ה.ח. אין דער מעכאנישער ציגעל פאבריק אין אנדרעספאל און זומער־קאלאניע פון „טאז“ אין ווישניאווא־גורא.

זונטאג, ה. 24 ה. ח. צו די בלויע קוואלען אין נאטאמעם און גאנגושיק (טאמאשאוו).

אינפארמאציעס — אין סעקרעטאריאט, פיעט־ריקאווער 56.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אויערן־, נאז־, האלז־ און לונגען־קראנקה
9 קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 227-81.
פארעבשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נאכט אויך אין אין לאגעוויניצע גערנשער 17, פון 10—11 און פון 2—5.

געפאלגט די „גוטע עצה"

א ווארשאווער ייד איינגעשפארט זיין פרוי אין א משוגעים־הויז

גאנץ לילא־ראבענוויל און פראנקרייך איז אויפגעטרייסעלט געווארן פון א געשיכטע, וואס האט דארט געטראפן מיט א יונג יידיש פארפאלק, וואס איז ערשט אכט וואכען אין פראנקרייך.

דאס פארפאלק איז פון ווארשא. ווי אלע יידישע אימיגראנטען זענען זיי געקומען קיין פראנקרייך ארבייטען, און דער שיקזאל האט זיי פערטריבען קיין לילא און א דירה ביי א יידישע „פראפריעטער" (הויזווירט)... אנ'אנטיסעמיט —

יאט דער „פראפריעטער", וואס איז אליין א ייד קען נישט ליידען קיין יידען, פארוואס? איז דא א מעשה דערביי:

זאגט מען, אז ער האט אמאל געהאט א יידיש ווייב. האט דאס ווייב לויט זיין מיינונג, אים אנגעטון צרות. זענען זיי זיך צושיידט, פון דעמאלט אן האלט דער יידישער „פראפריעטער", אז אלע יידישע פרויען זענען „אכזרות" און ער שיט פעך און שוועבעל אויף אלע יידישע פרויען איצט האט ער חתונה געהאט מיט א קריסטין, און איז געווארן אנ'אנטיסעמיט...

האט דער דאזיגער „פראפריעטער" דערשמעקט, אז עפעס קייקלט זיך עס נישט ביים יידישען פארפאלק, זיינע לאקאטארען, מאן און ווייב קריגען זיך, דא האט ער אריינגעשטעקט זיין נאז און זיך אנגערופען צו זיין לאקאטאר דעם מאן:

— וואס דארפסטו נאר ליידען פון דיין יידיש ווייב, טרייב זי ארויס און איך שטעל דיר צו א ווונדערבארע צאצקע א גויאישע!"

דער מאן האט זיך געלאזט צורעדען און האט גענומען מחלוקות מיט זיין ווייבעל. עס איז אזוי ווייט געקומען ביז אין א שיינעם טאג האט ער איהר געגעבען א פאטש. די פרוי האט נישט געקענט פערליידען אזא ערנידעריגונג און האט געענטפערט אויף דער בעליידיגונג מיט א טעלער.

דא האט זיך אונטערגערוקט דער פראפריעטער. ער האט זיך אריינגעשארט אין הויז, און געמורמעלט צום מאן:

— קום מיט מיר!

דער מאן איז נעגאנגען.

זיי זענען אוועק צום קאמיסאר, דארט האט דער מאן געצייכענט אז זיין פרוי איז משוגע און מען זאל זי אוועקנעמען פון הויז, באלד זענען געקומען באַנדיטן, מען האט אוועקגענומען די ארימע פרוי און מען האט זי איינגעקרעמפעלט אין א צוואנגסיאַק, די פרוי האט זיך געוועהרט זי האט געשריען:

„גוואלד, איך בין נישט משוגע!" ס'האט אבער נישט געהאלפען. דער מאן האט געצייכענט אז עס איז א געפאהר אז זיין פרוי זאל בלייבען פריי און מען האט זי אוועקגענומען פון הויז. די פרוי האט זיך מתחנן געווען מיט גוטען:

— „איך בעט אייך, לאזט מיך צורוה!" זי האט געפרובט מיט בייזען:

— „איך וועל אייך בייסען, צופען, רייסען! ס'האט אבער אויך נישט געהאלפען.

דער סוף איז געווען א ביטערער, מען האט די ארימע אומגליקליכע פרוי אפגעפיהרט געבונדענער הייט אין א הויל — הויז אין פון דארט אין „מעזאן בלאנש".

אומזיסט איז געווען איהר וויינען, איהר ספאזמירען, פאר גרויס וועהטאג איז די ארימע פרוי איינגעשלאפען, ווען זי איז אויפגעשטאנען האט זי זיך דער פיהלט שרעקליך עלענד און פערלאזט. זי איז בעטראכט געווארען פון א דאקטאר, וואס האט אין איהר נישט געפונען קיין סמנים פון משוגעת, אבער פערפאלען, אזוי גיך לאזט מען פון תוהו־הויז נישט ארויס.

און דערווייל האט זיך דער מאן ארומגעוועהט: וואס ער האט געטון. פאר גרויס חרטה איז ער אַליין געווארען שטארק צומישעלט, געטריבען פון זיינע געוויסענספיסען, איז ער ארומגעלאפען איבער דער שטאט און געפרעגט:

— וואס טוט מען?

ער איז געלאפען אין דער פאליציי געוועהט, געטענהט, זיך געבעטען:

— גיט מיר צוריק מיין ווייב!

— זי איז א משוגענע! — האט מען איהם געענטפערט.

און אלץ מעהר און מעהר האט זיך דער מאן געפיהלט אין דער פעטליע, וועלכע ער האט פאר זיך אליין געמאכט. די שטריק האט איהם געווארגען אלץ מעהר און מעהר, אבער מען האט איהם געענטפערט איינס און דאסזעלבע:

— עס העלפט נישט!

און דערווייל איז לילא „געגאנגען — ווי מען זאגט — אויף רעדלעך". די געשיכטע האט זיך צושפרייט איבער'ן גאנצען שטעטעל מאנכע פרויען זענען אפילו געפאהרען צו דער כלומרשטער משוגענער אין „מעזאן בלאנש".

דארט האט די פרוי זיך ביי זיי געבעטען:

— „נעהמט מיך ארויס פונדאנען, איך וועל דא שטארבען"!

די פרויען זענען אוועק און לילא און איבערגעגעבען די יידישענע ווערטער פון דער געפאנגענער.

און אז לילא האט זיך געפונען א געוויסער גוטהארציגער מאן ש—ר, וועלכער האט פיל געטון צו ראטעווען די פרוי פון משוגעים־הויז, ער האט געמאכט אלע בעמיהונגען ער איז געגאנגען, געפאהרען, הערלאנגט ביטעס, איינגעלייגט קויציע 25000 פראנק, גערעדט מיט'ן דאקטאר ביז ער האט ענדליך אויסגעפיהרט.

געקומען איז א בריף פון דער פרעפעקטור אז אויף זיין פעראנטווארטליכקייט ווערט איהם ארויס געגעבען די איינגעשפארטע.

לילא פרעהט זיך...

פ. ה.

דער ריזען־דאמפער „טאהיטי"



דער דאמפער איז אונטערגעגאנגען, די פּאסאַזשירן איז געלונגען אפצוראטעווען.

יורידישע עצות

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטפערטען אויף יורידישע פראגען, וואס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאָן

יורידישע אפטיילונג פון „נייעם פאלקסבלאט".

ביים דערלאנגען אַנ'אנפראגע אויף א יורידישע עצה דארף צוגעלעגט ווערען דער קופאן מיט דער דאטע פון'ם טאג, ווען די אנפראגע ווערט ארײַנגעגעבען אויף אנפראגען אָהן קופאן, וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

916. גאלצמאן.

זענען אייער סכסוך מיט דער קראנקען־קאסע מוזט איהר זיך פארשטענדיגען פערזענליך מיט אן אנדערע יוריסט.

917.

מאכט נישט קיין אקט דאראויפגעבע, און אייער פאל ווערט דאס קיין שום ממשות נישט האבען.

---

918. צ. מ. ל. נ. 44.

פרינציפיעל איז א זשיראנט פעראנטווארטליך פאר א וועקסעל־חוב נאר אין משך פון 1 יאהר.

אויף א 6־חדשימדיגער פערעלטערקייט קאן זיך פערהופען א זשיראנט נאר אין דעם פאל, ווען דעם חוב מאהנט ביז יאהם א פאריגער זשיראנט.

דעמאלט ווערט די פערעלטערקייט גערעכענט נישט פון צאהלונגס־טערמין נאר פון טערמין, ווען דער וועקסעל איז אויסגעקויפט געווארען דורכ'ן מאהנער. צום עקזעקווירען געלד האט דער הויזווירט פאר א דירה־געלד חוב א פארצוג.

די פראגע וועגען דער זאיענטשא איז נישט פערשטענדליך. שרייבט קלארער אדער פערשטענדיגט זיך וועגען דעם מיט אנדערע יוריסט פערזענליך.

---

919. א טר״ער לעזער פון זשוראווויא נאס.

א פערקויפער אדער עקספעדיענט ווערט אנערקלערט פאר א גייסטיגען ארבייטער אויב ער בעזיצט א 6־קל. בילדונגס־צענז.

די דאזיגע פארשריפט איז אבער נישט נוגע די יעניגע אנגעשטעלטע וועלכע קאנען בעווייזען אז זיי זענען געווארען אנערקענט פאר גייסטיגע ארבייטער איידער דאס דערמאנטע געזעץ איז אריין אין קראפט.

---

902. האבערגריץ.

דער קאמארניק האט נישט קיין רעכט אפצוזאגען דעם טערמין פון דער ליציטאציע און דער הסכמה פון מאהנער. אויב ווערען זיך וועגען עקזעקוציע עטליכע מאהנער מוז די הסכמה אויפ'ן אפגעלייגטען טערמין פון דער ליציטאציע געגעבען ווערען פון אלע.

---

921. מ. לעמב.

די בעשולדיגערין האט דאך מסתמא איינגעצאהלט 20 זל. אויפ'ן חשבון פון די פראצעס־קאסטען, האבען זי הערובער און דעם פאל פאר די אנגעגעבענע עדות נישט בעצאהלען.

דאס ערשטע מיידעל

פון ניקאלאי באגדאנאוו

33.

עס איז נאך איבערגעבליבען עסען, אבער מיר האבען זיך שוין אנגעגעסען זאט און זיך אוועקגעזעצט אייגער לעבען אנדערען אויף מיין געלעגער, און פענסטער האט אריינגעשיינט די לבנה, בעלויכטען דעם צימערעל און בעזונדערס בעלויכטע סאניעס אויגען. קיין טרעהרען זענען אין זיי נישט געווען. פערקעהרט, זיי זענען געווען לעבעדיק און זי אליין האט נעשפאסט איבער דער חברה.

— יאלדען... דער בוך וואלט זיי נישט פערגעסען פון דעם, וואס איך האב בעקראגען אויף אנ'שרליכען וועג אדער נישט ערליכען... מיר האט זיך אויסגערעכענט, אז פאטאפיטש, — כאטש ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט מיר ערקלערט די געשלעכט־טעאריע און פערלייקענט די קליינבירגערליכע ליבע, — פונדעסטוועגען האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז ער איז אייפערזיכטיג צו אקסעניאוון... דו ווייסט, — סאניע האט אנגעהויבען רעדען שטילערהייט, — אקסעניאוו איז אנ'אינטערעסאנטער עקוועמפליאר.

— וואס מיינסטו?

— א שיינער מאן.

— א מארנע שיינקייט, ווי א מערדער.

— דו פערשטעהסט גארנישט. האסטו ליב געהאט?

— ניין, קיינמאל נישט. בכלל... איך האב נאך קיין מיידעל נישט בעריהרט...

סאניע האט מיר דורכדרינגלעך אריינגעקוקט אין די אויגען איך האב דערפיהלט, ווי איך ווער רויט. זי האט מיר אנגענומען פאר'ן מארדע און זיך שטיל צולאכט.

— אי־אי־אי, לאז מיר געבען א קוק אויף דעם נאאיווען יונגעל. ביסטו אנ'אומשולדיגער, אנ'אומשולדיגער, מען זעהט גלייך! זע ראזאווער, ווי דו פערראיטעלסט, ווי א קינד... ס'ארא שייניקער דו ביסט...

פלוצלונג האט זי אויסגעעפענט ברייט די אויגען מיר ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און א קוש געגעבען אין די ליפען, אבער נישט ווי דאמאלסט, און די טעג פון אויפשטאנד, נאך הייס און שטארק, אז מיין קאפ האט זיך פערדרעהט. איך האב דערפיהלט, ווי איך עס זיך איין אין איהר מיט די ליפען...

ווייטער בעשרייבען קען איך נישט. עס וועט זיך נישט בעקומען דאס זעלבע בילד, וואס איך האב אפגעמעקט אויפ'ן וואגט אין וואש־צימער. די נאכט האבען מיר פערבראכט ווי משוגעים. פאר מיר האט זיך געעפענט עפעס שרעקליך גרויסעס, אז עס האט זיך געוואלט שרייען, נאר איך האב זיך צוגעדריקט צו סאניען און זיך בעמיהט פערטרייבען דעם געפיהל מיט קושען.

אינדערפריה האט אריינגעשיינט די זון צו אונז אין צימער. דאס ווייסע צימערל אין פון דער זון געווארען א ראזעווע און סאניעס פנים אין ווייסע און רויטע פלעקען האט זיך מיר אויסגעוויזען וואונדערלעך שיין. איך האב געזעהן, ווי זי קוקט אויף מיר מיט ליבלעכקייט און איך האב זיך געפיהלט אזוי ווי איך א גיבור. נאר אזוי ווי עס איז נישטא קיין נאך ערד, קאן איך דען בעשרייבען די פרייד, מיט וועלכער איך האב זיך אראפגעלאזט אויף די קני און געקושט איהר צארטען קערפער פון די שפיץ־פינגער פון די הענט ביז די שפיץ־פינגער אויף די פיס. פון איהרע צארטע קוקען האב איך זיך געפיהלט ווי א גליקליכער אומבעזיגבארער ריטער. ווען איך האב פאר'ן אוועקגאנג איהר געגעבען די שיך, איז זי אזוי גערוהרט געווארען, אז זי האט זיך שיער נישט צווויינט.

נאכדעם האט סאניע מיר געשאנקען עטליכע געבעט, וועלכע איך וועל מיין גאנץ לעבען נישט פערגעסען. נאר שפעטער האט זי פלוצלונג אויפגעהערט זיך חברן מיט מיר. איך האב זי געזעהן מיט פאטאפיטשען און אפילו מיט קאסטיצקין. איך האב זי אין גארנישט פערדעכטיגט, נאר מיר האט אזוי געצויגען צו איהר, אז עס האט זיך געוואלט האלדזען זי אין א סוף. איך האב פערשטאנען, אז דער נאכט־ליכער געפיהל איז אויף א האר נישט ערנער פון דער קליינבירגערליכער זיפצענדיגער ליבע.

און „איקאס" האט מען וועגען סאניעס פעלער נישט גערעדט און עס איז פערגעסען געווארען. סאניע ארבייט א פריהליכע, מען קאן זיך גארנישט אנפרייען מיט איהר. ווען אל יעדעם גוט און עס קומט נישט פאר גארנישט אויסערגעוועהנליכעס, לויפט די צייט אומבעמערקט און שנעל, ווי וואסער, אזוי איז אנגעקומען די צייט פון מאסקאראד.

אכט א ווייגער אינאזענט האבען ארום דער געביירע פון דער שול, פון דער צווייטער שטופע, און פנעלויכטען רעגענבויגענס. מיר זענען ספעציעל געפאהרען אין וואלד נאך צווייגלעך, וועלכע האבען בעצירט [illegible] און איבערהויפט — דעם גרויסען זאל. די פילפארביגע לעמפלעך איינגעבלאכטען און גרינס האבען געלויכטען מיט א סודות'־פולען ליכט, און עס האט זיך געדאכט, אז דער הימעל איבער'ן קאפ לייכט דורך מיט שטערען הורך א פּנסטערען וואלד, און עס וואקסען לעגענדארע נעוויקסען. אדער עס האט זיך אויסגעדאכט פערקעהרט — קוקסט ארויס אין א פערוואקסען וואסער, וואו עס גרינען זיך פייערליך מיט ווייסע ליליעס. די אומקלארע פלעקען אויף דער סטעליע זעהען אויס ווי האלב פערוואקסענע קליינע אינדזלען. און עק פון זאל איז אויפגעשטעלט א פלאטפארמע, בעפוצט און גרינס און די וואנט איז בעהאנגען מיט רויטען לייוונט. דא וועט זיצען די מוזיק. פון דאנען וועלען מיר ווארפען אין די מאסען אונזער אגיטאציע, איך וועט דא פארקומען די אגיטאציע שפילען.

איך געה ארום א צופרידענער איבער'ן זאל, אטעם איין דעם ריח פון סאסנאווען וואלד. איך האב הנאה פון דעם אויסגעקעהרטען דיל, וואס איז בעשאטען מיט פרישען הוזגעכץ. איך געה ארום א צופרידענער ווי א פויער איבער'ן צעאקערטען פעלד, וואס איז גרייט צו פערזייען. אין די טירען שטעהען צוויי רויט־ארטיגע אין גרינע „בוליאנאזקעס" מיט רויטע פאסען פון פארענט ביי די קנעפ. און זיי פאסען זיך אזוי צו צום גרינס און רויטע לייוונטען, אז זיי זעהען אויס ווי א בעפוצונג. דאס אלץ מאכט מיר פייערליך געשטימט און עפעס בינדט זיך וואס צו דער שמחה וועלען פארקומען טענץ.

אט געהען שוין אריין די מוזיקאנטען. פריהער פון אלץ ווישען זיי די נאז, זיי זענען מאגערע אינטעליגענטען, געסען ארויס די אינסטרומענטען און ווישען זיי אויס מיט ווייסע שמאטקעלעך. מיר האבען גענומען אין אכט דעם מוזיקאלישען געשמאק פון דער אינטעליגענץ און דאס מאל איינגעלאדען דעם סטרונע־ארקעסטער פון די היגע אמאטארען, כאטש אונז איז נעהענטער צום הארצען דער גרויסער בלאזארקעסטער און אין אנדערען קרייז — די הארמאניקע. איך האב געקראגען שטולען פאר די ארטיסטען, זיי האבען זיך אויסגעזעצט אין א האלבען קרייז און אנגעטון אין שווארצען, נישט סימפאטישע, האבען זיי אנגעהויבען אנשטעלען די אינסטרומענטען אזוי שוידערליך, אז איך בין אנטלאפען אין גרימיר־צימער.

דער פאריקמאכער זשאן, פשוט'ער אוואן איוואנאוויטש כטוויקאוו, האט גרימירט די חברה אלס די ענטשפרעכענדיגע העלדען. זויערפארשטש האט איהם אנגעוויזען און ערקלערט וואס ער וויל, מיין גרים איז געווען אנ'אומבעדייטענדער און דערפאר האב איך זיך געהארפט גרימירען מיט די לעצטע. דעם ארימען קאטיק איז אויסגעפאלען מעהר ווי אלעמען. זיין צורה האט זשאן בעקלעפט מיט א גרויסער בארד און מיט א פעריסענעם נאז, אז ער האט געבעך זיך אפגעקעהרט פון שפיגעל און שטארק געניפצט. קוקענדיג אויף איהם, איז מיר געווען אויך אומעטיג. פלוצלונג האב איך דערהערט ערגעץ פון דער נאהענט סאניעס געלעכטער. איך האב נישט בעוויזען ארויסצולויפען איהר אנטקעגען, ווי זי איז אריינגעלאפען, שלעפענדיג הינטער זיך א מיליטערישע פינזשאק.

— און אט בין איך דא. נו וואס, חברה, כ'זעה אויס שיין, ווי די פערקערפערונג פון א קאמסאמאלקע, די נייע פרוי?

רופענדיג אונז אלע א קוק צו טון אויף איהר, האט זי צושטרעקט די הענט. און איהר קאסטיום איז גארנישט געווען קיין נייעס: דאס זעלבע רויט העמדעל, א לאקירענער פאסיק האט שטארק ארומגענומען איהר טאליע, א פיין שווארץ סלייכעל — צום קאליר פון איהרע האר. נאר פלוצלונג האב איך דערזעהן אויף איהרע פיס רויטע שטיוועלעך, וואס האבען צוגעגעבען איהר פיגור א בעזונדערען רייץ. איך האב פערשטאנען, אז מעהר פון אלץ האט זי געוואלט ווייזען איהרע שטיוועלעך. נישט ווייט, אנקוועלענדיג פון סאניען, איז געשטאנען די פיגור, וואס סאניע האט אריינגעשלעפט. איך האב זיך איינגעקוקט און דערקענט דעם מיליטערישען ספעק, דעם געהילף־קאמענדאנט מילאוואנאוו.

(פארזעצונג קומט).

א שרייבער האט זיך מיר געגלוסט צו ווערן!

(א לאכעריקע)

פון יוסף מארשעליק

א לעזער האט מיר אמאל פארזיכערט, אז מיינע לאכעריקעס זענען דאס בעסטע מיטעל צו רעוומא טיזם. „פון דינט אן“, האט ער געשריבען „איך האב אנגעהויבען צו לעזען אייערע פעליעטאנען, ווייס איך מער נישט פון קיין ווערטאגען.

א צווייטער לעזער האט מיר געשמאדירט, אז ביז ער האט געקומען לעזען מיינע שרייבאכצען, האט ער געדאט א פליך. „פון דינט אן אבער“ האט ער געשריבען, „איך לעז אייערע לאכעריקעס האט זיך ביי מיר ענטוויקעלט א וואסער אין קאפ און מיר איז דערפון אנגעוואקסען א קושטע האר.

א דריטער לעזער האט מיר פערטרויט, אז איידער ער האט ענטדעקט מיינע לאכעריקעס, האט ער גע־האט א סך צרות פון א ווייב, טאקע זיין אייגענע. זי פלעגט אלהם דערגעהן די יאדערן, „אבער לאכע־ריקעס“, האט ער מיר געשריבען, „האבען מיטא־מאל געמאכט א סוף צו אלע מיינע רדצות. ווי נאר זי הויבט אן צו קאמאנדעווען, נעם איך זיך אווקעק און לאך אזהר פאר אייערס א ווערק. און צוויי אדער העכסטענס דריי מינוט צייט איז די ברייט עפעס ווי רחמנא לצלן, פאראליזירט, און איך פינה מיט ארום צו זי שוין איינגעשלאפען און כראפעט.

מען עמיצער זאל מיר וועלען באצאלען געלד, וואלט איך זיך פערליגט א פאבריקל פון לאכעריקעס צו היי־לען פערשידענע קראנקהייטען, און וואלט אייגענ־טום היי אר וואס ציטירטע פרת, און הונדערטער אנ־דערע אזוי ווי זיי. אלס מיטעל צו רעקלאמירען אזעל־כע פראדוקטען. איך דענק, אז אזא געשעפט וואלט אהעט זיי געשמירט און אז סיי איך, סיי מיינע שות־פים, וואלטען דערביי געמאכט א סך געלד. מיט דער צייט וואלט איך אליין אויפגעהערט צו פאטשקען זיך דערמיט און וואלט מיין גאנצע פרייע צייט געקאנט אפ־געבען דער ערנסטער ליטעראטור. איך וואלט אייגענ־קליבען עטליכע פון די בעסטע יידישע הומאריסטען, אויסגעלערנט זיי דעם פארטל, און זיי וואלטען שוין פראדוצירט די אלע לאכעריקעס, וואס דער מארק וואלט געפאדערט. אליין וואס איך וואלט דעמאלט גע־דארפט טון, איז אנגאזשירען זיי. מילא...

ליידער איז דאס אבער נישט אזוי לייכט ווי עס ראלט זיך. דער אמת איז, אז פאר יעדען לויב־בריוו, וואס איך דערהאלט, קומען מיר אן צעהנדליגע זידעל־בריוו, איך האב לעזער, וואס מאכען מיר ביזט דער־בלאסטע צוגלייך; לעזער, וואס שעלטען מיך מיט מיאוסע קללות; לעזער, וואס האלטען זיך אין איין נאכפרע־גען, למאי איך לערן זיך בעסער נישט איס עפעס אנשטענדיגען פאך, אייגער א לעזער האט איך, סבראשעט ער מיך.

„איך אהרים זיך“, שרייבט ער „נאכמאל דער־מאנען צו הויקען אזא קוואטש ווי לעצטען פרייטאג, זאל איך אייך בעטען איהר זאלט אויך גיט זיין אפ־הויקען אין צייטונג אייער בילד, ווייל איך קלייב זיך אפצושטאטען א וויזיט ביי אייך אין רעדאקציע און מאלט זעהר נישט וועלען, אז אן אומשולדיגער מענש זאל צוליב אייך, חלילה, דארפען ליידען“.

די ערגסטע צרות האב איך פון לעזער, וואס לייע־נען די ווערק פון אנדערע שרייבערס אויך. צו וואס זיי דארפען דאס, ווייס איך נישט. איך בעמיה זיך, דאכט מיר, מכוח אלע פרות צו זיין אזוי אמוזאנט און בעלעהרענד ווי סאיז נאר מעגליך. נאך דעם ווי זיי לעזען איבער מיינע א זאך וואלטען זיי שוין, דאכט זיך, געמעגט האבען גענוג און מעהר שוין נישט האבען קיין צרות. אבער ניין! זיי מוזען נאר לעזען אנדערע שרייבערס אויך!!

„אויב איך האב נישט קיין טעות“, שרייבט מיר איינער. א לעזער אזא, „האב איך אייער לעצטע לא־כעריקע שוין ערגעץ־וואו געלעזען — כיוואלט שווע־רען, אז אין הסיש. ערלויבט מיר צו דאנקען אייך פאר דעם פייגעס געשמאק, וואס איהר ווייזט ארוים דורך איבערזעצען די ווערק פון דעם אומשטערבלי־כען אומעדמשענקא“.

איינער נעמט אזא ברייוועל:

„איך לעז מיט פערגעניגען אייערע איינציגע פון די ווערק פון די בעסטע דייטשע הומאריסטען. און קאן אייך פערזיכערען, אז אלס מבין אויף הומאר האט איהר צו זיך גאר קיין גלייכען נישט, סאיז בלויז א שאד, וואס מאנכע אויסצוגען קומען ביי אייך ארוים אביסעל צוקאליעטשעט, אבער דאס איז מסתמא דערפאר, וואס איהר פערשטעהט נישט גוט קיין דייטש.

נישט בלויז, ווייסט עס, אנדערע יודישע שרייבער לעזען זיי, מיינע לעזער. דאס איז נאך פאר זיי נישט גענוג. זייער פעטערבעטקייט און אומדאנקבארקייט געהט נאך ווייטער. גויאישע שרייבער לעזען זיי אויך. און ווען? אין דער צייט ווען דאס יודישע פאלק, זייער פאלק, זייער בלוט און פלייש, טרינקט זיך און דרעקט אליץ טיפער און טיפער!!

דאס זענען צרות, וואס איך, אלס שרייבער, האב פון לעזער, וועלכע קעהרען זיך מיט מיר ארומישט אן. איצט הערט ס׳איז א צרות איך האב פון אייגענע, פון לעזער, וואס זענען מיר, כלומרשט פריינד; פון לעזער, וואס זענען מיר לייבליכע קרובים.

איך האב א מומע זלאטע, זאל געזונט זיין, געדענקט די ארום און בערימט זיך, אז איהר פלימעניק — איך, הייסט עס — פערשרייבט די גאנצע צייטונג. וואו עפיס א נאמען פון א שרייבער איבער א וויכטיגען ארטיקעל, איז דאס ביי איהר מיינער א פסעוודאנים.

אלע וויכטיגע ארטיקלען שרייב איך ביי איהר, איז אלע ראמאנען, א דאנק איהר ווייסען שוין הייסט עטליכע טויזענד מענשען מיין אמת׳ן נאמען און אד־רעס. א גאנצען טאג, פון בעגינען ביז שפעט אין דער נאכט אריין, קלינגט ביי מיר דער טעלעפאן, און די בריף, וואס איך דערהאלט, איז איינפאך נישט איבערצוצעהלען.

דאס איז נאך אבער אויך נישט דאס ערגסטע. א סך ערגער פון דעם איז, אז מיהויבט מיך אן צו רופען דורכ׳ן טעלעפאן:

— פאנ׳ע מארשעליק?

— יא.

— איהר האט געבעטען אריינגעשטעלט אין בלאט, אז איך בין ענטלאפען פון מיין מאן מיט א שניך... פון וואנען, זאגט מיר, האט איהר דאס גענומען?

אלע מיינע פראטעסטען, אז איך פערשטעה זיך נישט מיט שרייבען נייעסען, אז איך ווייס אפילו נישט ווי אזוי מ׳שרייבט אזעלכע זאכען, העלפען נישט. די פרוי איז קענטיג, א פראסטע אסאבע און פער־שטעהט אין ליטעראטור זעהר ווייניג. זי איז זיכער — מיין מוהמעי זאל געזונד זיין, האט איהר מסתמא דער־צעהלט — אז איך שרייב אלעס. דער סוף איז אט וואס:

— פאנ׳ע מארשעליק, ס׳עט אייך גאר נישט העלפען. איהר וועט מוזען אריינשטעלען אין בלאט אז אלץ, וואס איהר האט געבעטען וועגען מיר דער־צעהלט, איז געווען א געמיינער ליגען. אזוי מיט אט־א־די ווערטער א געמיינער ליגען. אויב איהר׳ט דאס נישט טון, וועט איהר ערגער מאכען ווייט היסען, אז מיין מאן איז א קצב... פערשטאנען?

אדער אזא אנשיקעניש:

— פאנ׳ע מארשעליק?

— יא.

— מיין נאמען איז בלאך; מאקס בלאך. איך בין אייער מוהמעס זלאטעס א פריינד.

— גוט פאנ׳ע בלאך, וואס קאן איך פאר אייך טון פאנ׳ע בלאך?

— א קלייניגקייט, פאנ׳ע מארשעליק. אויב איהר האט צייט, וואלט איך זעהר וועלען וויסען צו אט־א־דער מאקס אפמאן איז אייער ראמאן איז טאקע מאקס קאנסקער אדער גאר אנאנדערער פאסקודניאק.

— איז מיין ראמאן, זאגט איהר פאנ׳ע בלאך?

— יא, אין אייער ראמאן, פאנ׳ע מארשעליק. איך ווייס אלעס.

קנאפ דאס לאזט מען מיך וויסען פון באביאניץ אז דארט האט זיך ארגאניזירט א חברה, וואס טשא־טעוועט אויף מיך און וועט מיר, ביי דער ערשטער גע־לעגענהייט, אנטעהאקען די פוס פאר „מיין“ אטא־קע אויף די פאביאניצער „שומרי שבת“...

הבלל, ס׳איז מיר גוט.

Dr. med. J. Lubicz
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18-31
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער
אייגענע פראצאווניע פון ווענטליכע ארטאפעדישע
אפאראטען, ווי: קלטרקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע
בערעסען א. ז. וו. נעמט אן פון 2,30 ביז 4,30 נאכם.

סיפיליס איז אויסהיילבאר

8-טע אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ געווידמעט דער פראגע

פון 5־טען ביז׳ן 10־טען אויגוסט 1930 איז אין קאפענהאגען פארגעקומען די 8־טע אינטערנאצי־אנאלע קאנפערענץ פאר דערמאטאלאגיע און סיפיליס.

די דאזיגע קאנפערענץ איז אייגענטליך די ערשטע נאך דער מלחמה. אויף דער זיבעטער קאנפערענץ וואס איז דעם לעצטען מאל פאר דער מלחמה, פאר־געקומען אין רוים, איז אויסגעקליבען געווארען א ספעציעלער קאמיטעט, וואס האט זיך געדארפט בע־שעפטיגען מיטן צוזאמענרופען די אחטע קאנפערענץ. מיטן אויסבראך פון דער וועלט־מלחמה איז די גאנצע ארבייט אפגעשטעלט געווארען.

אין דער איצטיגער אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ פאר דערמאטאלאגיע און סיפיליס האבען אנטיילגע־נומען 966 פארשטעהער פון אלע לענדער. די אנטייל־נעהמער פון די פריהעריגע קאנפערענצען האט איינ־געלאדען דער קאמיטעט. די נייע מלוכות, וואס האבען זיך געשאפען נאך דער מלחמה האבען אנגע־געבען דעם קאמיטעט ספעציעלע בקשות און זענען אויך צוגעלאזען געווארען צו דער קאנפערענץ מיט גלייכע רעכט.

דער פוילישער פארשטעהער, פראפעסאר קשיטשא־לאוויטש האט אריינגעטראגען א פארשלאג אז אויך פויליש זאל אנערקענט ווערען, ווי אן אפיציעלע שפראך פון דער קאנפערענץ. דער פארשלאג איז איבערגע־געבען געווארען אין קאמיטעט, וואס וועט די פראגע שפעטער בעטראכטען. ס׳איז אבער שוין בעקאנט, אז דער גרעסטער טייל פון קאמיטעט האט זיך ארויסגע־זאגט געגען דעם דאזיגען פארשלאג.

די קאנפערענץ האט זיך בעשעפטיגט מיט א רייהע וויסענשאפטליכע פראגען. ס׳זענען בעטראכט געווארען וויכטיגע פראבלעמען פון עקזעמע, סיפיליס, טובער־קולאז פון הויט און אנד. ס׳זענען ארויסגעזאגט געווארען נייע מיינונגען וועגען די דערמאנטע קראנקהייטען.

אין א בעזונדער שארפער פארם איז געשטעלט געווארען די פראגע, צי איז סיפיליס היילבאר אדער נישט. א גרויסע מעהרהייט פון דער קאנפערענץ האט זיך ארויסגעזאגט, אז ביי א זארגפעלטיגען היילען און הער־פילען די פארשריפטען פון דאקטאר, איז סיפיליס אויסהיילבאר און אלע זיינע פארמעס.

אויסערדעם האט די קאנפערענץ אנגענומען א רייהע וויסענשאפטליכע בעשלוסען.

די נייעסטע קאנפערענץ וועט צוזאמענגערופען ווערען אין בודאפעשט אדער אין מאדריד. ס׳איז אויסגעזאגט געווארען דער מיינונג, אז די ווייטער־דיגע קאנפערענצען זאלען צוזאמענגערופען ווערען נישט אלע דריי יאהר, ווי דאס איז געווען ביז איצט. נאר די מעגליך אפטער.

אויסערגעוועהנליכע איבערראשונג פאר׳ן לאדזער פובליקום!

די פאפולערע און קאנקורענצלאזע פערפומעריע פירמע ד. מארקוס אין לאדז, פיעטריקאווער 59, טעל. 128-02, האט פארבערייט איבעראשענדע סורפריזען פאר דער געעהרטער קונדשאפט. יעדער קונדע בעקומט ביים קלענסטען איינקויף גענצליך גראטיס א שפיק טואלעט-זייף מיט א שאכטעל שוה-פאסטע. אויסערדעם ווערען אלע קאסמעטישע ארטיקלען בערעכענט צו שטרענגע פאבריקס-פרייזען. ווער עס קויפט ביי מיר איינמאל, בלייבט אויף שטענדיג מיין קונדע. גערעכנט די אדרעס.

די ערשטע לאדזער גוט-בעקאנטע פאבריק פון פאטענטירטע פעלד-בעטען

מאכט בעקאנט, אז צוליב׳ן קריזיס האבען מיר פערקלענערט די פרייזען פון אונזערע אויסארבייטונגען

ווי: פעלד-בעטען, פעלד-בעטען מיט ווענטלעד, לעזשאקעס טאבארעטקעס און האמאקעס

אונזערע פעלד-בעטען זענען פערזעהן מיט דער שוץ-מארקע „Palma-Patent“, פאר וועלכע מיר גאראנטירען אויף פיל יאהרען.

אכטונג: פאדערט איבעראל פעלד-בעטען נור מיט דער מארקע „Palma-Patent“

פירמע מיט שכטונג „PALMA-PATENT“ איגה. שווארצאווסקי

פולנאצנא 24, טעל. 131-85

בעמערקונג: פאר פראווינץ - בעדייטענדע ראבאטען.

די פערשאלטענע ירושה

גרויסער ראמאן פון ליידענשאפט, ליבע און פערברעכען. (11

קאפיטעל פינף

סעם דזשע׳קאבס

ס׳איז געווען אגערך דריי פערטעל צוועלף א זייגער, ווען סעם דזשעיקאבס איז צוגעגאנגען צום „נאטערמאן־הויז“.

ער איז אריין אין דער ווינדע, און זיך אויפ־געהויבען אויף דעם שטאק, וואו עס האט זיך גע־פונען א גאנצע סעריע פון קאנטארען און ביוראס, פון וועלכע נאטערמאן האט ארטינירסטרירט מיט זיין ריזיג הויז.

ער האט אנגעקלאפט אין דער טיר פון איינעם פון די קאנטארען, און נישט בעקומענדיג קיין ענט־פער, האט ער אריינגעקוקט און צימער.

אינעווייניג איז קיינער נישט געווען, דאך דעם געווענליכען קאנטאר־מעבעל, א שרייב־מאשינקע מיט א נישט פערענדיגטען בריף אויף דער ראלקע, א שאכטעל שאקאלאד אויפ׳ן טיש, און דעם לייכטען ריח פון צארטען פרויען פערפום.

סעם דזשעיקאבס האט א שמעק געטאן דאס לאפט.

— א פרוי! — האט ער א זאג געטאן.

דערנאך האט ער ארויסגעלייענט דעם נישט־פערענדיגטען בריף, זיך א פארע געטאן און די פאר־פירע אויפ׳ן טיש, און א שטאפ געטאן די טיר אויף וועלכער עס איז געווען אנגעשריבען „קאבינעט“.

דאן ערשט האט ער זיך צוזאמענגעטראפען פאנים אל פנים מיט נאטערמאן און מעגלין.

מיט פערוואונדערונג האבען ביידע א קוק גע־טאן אויף איהם, אפגעטרענט זיך פון עפעס א נע־שעפטס־פאפיר, און וועלכען זיי האבען לעת עתה אריינשטודירט.

סעם דזשעיקאבס האט אפגערוקט וואס קא־פילישעל אויפ׳ן שטערען, און א שמייכעל געטאן.

ביים ערשטען בליק האט מערי בעמערקט, אז דאס איז געווען א קליינווארסיק, דיק־מענשעל מיט א רויט פנים, מיט שווארצלוטיגע טונקעל־בלויע אויגען, און א בעוועגליכען אהנליפענדיגען מויל.

אנגעטאן איז ער געווען אין א שוואך־קלאריגען טומפערטען גרויען קאסטיום. וועלכער האט שוין מארשיינליך ארויסגעמאכט א פיינע פאר „נישקער־וואניעס“... אויף די פיס האט ער געטראגען א פאר געלע שיך.

— א גוטען מארגען אייך! — האט ער זיך אפ־גערופען — איך בין געקומען פרעגען ביי אייך מכוח איינעם א פיינעם פויגעל־פחור... כ׳מיין, וועגען איי־נעם, א געוויסען מארקוס קאסטאן!

ביי מערי׳ן פון די הענד איז ארויסגעפאלען דער בלאק־נאט...

דאס אריינמישען זיך פון דעם הוצפה׳דיגען רוי־קען פערשוין האט איהר לעבעדיג דערמאנט אין יע־נער גרויזאמקייט, וואס זי האט געהאט דערפילט, קוקענדיג אויף מארקוס קאסטאנס פאטאגראפיע אין דער פרידהמארגען־צייטונג.

נאטערמאן האט געכאפט א שנעלען בליק אויף איהר, און דערנאך אנגעשטעלט אויגען אויף דעם נישט געבעטענעם גאסט.

— דא איז נישטא קיינער מיט׳ן נאמען קאסטאן!

— האט ער געענטפערט — מיט וואס פאר א רעכט רייסט איהר זיך אריין און א פרעמדע קאבינעט, ווי אין א שענק!

— ע, ס׳שאדט נישט! — האט סעם פרישטשעג־דיג רואיג און מיט שמאלץ געענטפערט — איך זעה אין דעם קיין שום בייז נישט!.. אט כ׳האב דערזעהן א טיר, בין איך אריינגעגאנגען. פארעסטו זענען דאך טירען, אייגענטליך, געמאכט!.. די מעשה איז אבער די: מארקוס קאסטאן האט אנגעמעלדט געוואוינט אויף דעם ארט, וואו עס שטעהט דאס דאזיגע הויז... ס׳איז געווען מיט א סך יאהרען צוריק... מיר האבען דאן געהאט א סך געמיינזאמע עסקים!.. איצט, פער־שטעהט איהר מיך, קום איך גלייך פון דער שיף, פון קאנסטאנטינאפאל, דורכגיבראלטאר און ליסאבאן... אליין קום איך פון דרום־אפריקאנישען בריגג...

— מ׳דארף נישט אזוי בלאס ווערען! — האט ער זיך בעווגער געווענדעט צו מערין. — איך וויל אייך קיין שום בייז נישט טון.

ער האט פערשייט א פינטעל געטאן מיט אנ׳ אויג, און אריינגערוקט די שווארצע פינגער אין דער טאש, פון וואנען ער האט ארויסגעשלעפט א גרויסע ציגאר, בעצירט מיט א שטארק רויטען פאסעק.

— לאמיר פערדרויכערען? ! — האט ער פרעה־ליך א פרעג געטאן ביי נאטערמאנען — ניין?.. נו, מילא!.. ענטשולדיגט פריילין.

ער האט אפגעביסען דעם שפיץ פון ציגאר, אנגעצונדען זיין פערדעכטיגע „האוואנע“ און אנגע־הויבען צו פיפטשען, אכטונג־געבענדיג מיט די אוי־גען אויף נאטערמאנען.

נאטערמאן, פון זיין זייט, האט זיך שנעל ארויסגע־טירט: דער האגיגער פערשוין האט פערזענליך גע־קאנט קאסטאנען און געהאט מיט איהם עפעס עסקים... ער, נאטערמאן האט אויך געקאנט קאסטא־נען, און געהאט מיט איהם געשעפטען.

טשיקאווע איז דער פאל איז צו בעמערקען דעם פרט, וואס מיט די דאזיגע געשעפטען האט זיך אנגעהויבען די איינענטליכע געשיכטע פון׳ם „נאטער־מאן־הויז“.

— פריילין מערי, — האט ער געזאגט, — כ׳מיין אז איהר קאנט געהן... איך וועל אייך אריינרופען, ווען איך וועל אייך דארפען! זעצט זיך, הער... הער...

— דזשעיקאבס! סעם דזשעיקאבס! האט גע־ענטפערט דער פערשוין — כ׳האב די כבוד אייך!

סעם דזשעיקאבס האט זיך שוין ארויפגעוואר־פען אויפ׳ן שטול, ארויסלאזענדיג ניפטיגע וואלקענס פון זיין ציגאר צום געוועלבטען באלקען.

זיינע אויסגעשטארצטע טונקעל־בלויע אויגען האבען נאכגעפאלגט מערי׳ן, ביז זי האט פערלאזען דעם קאבינעט.

— א געשמאק פלוימעלע! — האט ער זיך א גערופען, ווי נאר די טיר האט זיך פערמאכט הינטער איהר — ווייזט אויס, אז איהר זענט א מייסטער צו פאקען אזעלכע מיידלעך, הער... הער... — האט ער נאכגעקרימט נאטערמאנען.

— מיין נאמען איז נאטערמאן, און איך בין דער ווירט פון דעם הויז, — האט נאטערמאן געזאגט — וואס פערלאנגט איהר פון מיר, הער דזשעיקאבס?

— איך וואלט געוואלט אויסגעפינען דעם ראמי־גען קאסטאן... איך בין דא איהער געקומען צו פאה־רען, מיינענדיג, אז איך וועל דא נאך אנטרעפען זיין הויז, און איך זעה נאר דעם דאזיגען ריז אויפ׳ן ארט, וואו ס׳איז געשטאנען זיין הייזקע... איך האב א קוק געטאן אויפ׳ן גרויסען שילד אינ׳ם קארידאר, און כ׳האב זיך דארט דערוואוסט, וואו ס׳געפינט זיך די הויפט־קאנטאר... אלזא... האב איך זיך אויפגע־הויבען אויף דער ווינדע, געפונען די הויפט־קאנטאר, און איצט שטעה איך פאר איינ׳... טא צי ווייסט איהר נישט, וואס עס איז געשעהען מיט דעם דער מארקוס קאסטאן.

— יא, איך ווייס, ער איז טויט... עמיצער האט איהם אויפגעהאנגען און א וועלדעל הינטער דער שטאט, אין א קורצער צייט נאכדעם, ווי ער איז בעפרייט געווארען פון דער טורמע, וואו ער איז אפגע־זעסען א פסק פאר א גנבה.

(פארטזעצונג קומט)

קלאנג-פילם-טעאטער
„MIMOZA"
ul. Kilińskiego 178.

נאכ'ן גרינדליכען רעמאנט
גרויסע פרעמיערע!
פון פרייטאג, דעם 15 אויגוסט ד. י. און טעגליך
גרויסער קלאנג-פילם-פרעמיערע!
זינגער פון פאריז
אין דער הויפטראל:
MAURICE CHEVALIER
הונדערט-פראצענטיגער רעד- און געזאנג-קלאנג-פילם.
די פרייזען פון די פלעצער זענען נישט פערגרעסערט.

Zaginione zostały następujące weksle:

1) 4 blanko weksle po zł. 100.— wyst. Józef Górnicki Zgierz; 2) 1 weksel na zł. 100.— wyst. R. Rozenblum Wieluń, żyro Frogel, Zgierz pł. 30. 11. 30.; 3) 1 weksel na zł. 68.— wyst. H. Grand, Zgierz pł. 15. 10. 30.; 4) 1 weksel na zł. 98.— wyst. G. Frenkiel, Zgierz pł. 1. 10. 30.; 5) 1 weksel na zł. 82.— wyst. I. Zajfert, Adelmówek pł. 20.10.30; 6) 2 weksle po zł. 60.— wyst. S. Flum, Zgierz pł. 20.11. i 20. 10. 30.; 7) 1 weksel na zł. 100. — wyst. Staniszewski, Zgierz pł. 1. 11. 30. 8) 1 weksel na zł, 34, – wyst. I. Białostocki, Zgierz pł. 25. 9. 30. 9) 1 weksel na zł, 65 – wyst. I. Rozenberg, Zgierz pł. 30.10. 30. 10) 1 weksel na zł. 69.– wyst. A. Zieliński, Zgierz pł. 30. 10. 30.

Wszystkie weksle zostają unieważnione. Uczciwy znalazca zechce takowe zwrócić za wynagrodzeniem pod adr.: J. Górnicki, Zgierz, Berka Joselowicza 26.

זיכערע הילף און א רפואה
אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיסן

פערלאזט אייך נישט, גייל דער ווינקעל-בראך געווען גרוים אזוי ווי א מעלאנען-קאפ, אדער אזוי ווי א מעסער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם בויך און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטערבליך. ספעציעל געמאכטע הייל-באנדאזשן אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארן מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דעמאלט פראפעסאר-דאקטאר ברעכערטונג בעזונדערן זיכער דעם שמערצען און געפערליכסטען

ברוך. אויך פאר הויקערס לעמונגען מיט הייל-גארסעטען און אפאראטן פאר פערקריפעלטע פיס און פלאט-פיס ספעציעלע איינלאגען אין די שיך. קינסטליכע געמאכטע פיס און הענד, געמאכטע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.
עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד.
ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 10, tel. 221-77, front, parter.
בעמערקונג: דאס אערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג, דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנאש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע. מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע

דאנקזאגונג.

דעם געעהרטען ה' דיר. י. ראפאפארט, ספעצ. פאר ברוך-ליידענדע און לאנגע וואולטשאנסקא 10, טעל. 221-77 פראנט, פארט. פאר דער גוטער אינטערעסירונג הילף און רעדען מיך דעם ערשטען טאג ראש השנה פון דעם שווערען און פאר מיין לעבען געפערליכען ברוך, פאר דעם וויסענשאפטליכען אנלעגען פון דעם באנדאזש פון זיין מעסטערע דאנק איך אויך דעם וועג הערצליך און עמפפעהל איהם דערדורך פאר אלע ברוך-ליידענדע.

Dr. M. Minzer, N. lekarz kolejowy K. Chorych.

DR. MED.
L. Pikielny
אורא לאג
ספעציעל-ארצט פאר נירן, בלאז און אורין-קראנקהייטן
NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעמט אן פון 4–7 אווענד.

א נייע
העמטשקע-מאשין
פון פירמע „וואלטער א-ריגינאל" ביליג צו פער-קויפען. צו ערקונדיגען ביי מאטיל קילינסקי 15

א שיק-
יונגעל
ווי אויך א יונגערמאן ווערען געזוכט. צו מעל-דען זיך אויף קילינסקי 77 אין צווייטען הויף

SUCHE
1 WALZENSTUHL
gebraucht zu kaufen
700 oder 800.
Offerten tel. 188-62

אב'ארט
צו שלאפען
פאר צוויי שילער (אדער 2 אנשטענדיגע יונגעלייט) איז אפצוגעבען. צו ערפארען 14 פאמארסקא 14 אויפ'ן הויף, 2. שט. לאצקי

א קאפעלוש-מאכער
נעהילף
אויף ארויסצופאהרען ווי אויך א לוסטריר-מאשין צו קאפעלושען ווערט פון זאפארט געזוכט. צו ער-פאהרען ביז מאנטאג ביי ה. גאלדבערג פיעטריקאווער 27, אין הויף פון 2–3 נאכמיטאג

אכטונג.
צו פערמיטען הויכע לופ-טיגע טרוקענע קעלערס מיט קאנצעסיעס צו פאב-ריצירען אויך 2 געוועל-בער און א וואלצאווקע צו הערבאטניקעס ביי ווורובלעווסקי נאוואמיעס-קע 21. 8257

א קוואליפיצירטע
רעפעזירקע
ווי אויך א קוואליפיציר-טער קראפט-שפולער צו סווי טערס ווערען פון זאפארט געזוכט ביי רובין, זגערזשער 42.

קוואליפיצירטע
האנט-נייערינס
צו סוויטערס ווערען גע-זוכט ביי ל. זעלמאנאוויטש סאלגא 8, פראנט פארטער

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאלאג אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאן 134–72
נעמט אן אינדערהיים פון 3-2 פ. מ. פון 7-9 נ. מ. אין קליניק „סאנאטא" אגראדאווא 10 פון 12–1

שייטלען
צו מעסיגע פרייזען
צו בעקומען ביי
פארזשוצקא קאמיענאצ

וועכבעדין כירורגישע
קליניק
„SANATO"
אגראדאווא 10 טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
ערצטליכע אויפזיכט
איבער דער מוטער און קינד.
פרייזען פון געבורט
אין 2-טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען.
200 זל.

7-kl. Szkoła
dla żyd. inteligencji (Zakład Freblowski)
KACENELSON-NACHUMOW
ul. POMORSKA 20 tel. (183-40). Zapisy w godz. od 4–7 p.p.

7-קל. שולע און פרעבעלשולע פאר קינדער פון יוד. אינטעליגענץ
קאצענעלזאן-נאחומאב
פאמארסקא 20 טעל. 183-40. איינשרייבונגען פון 4 ביז 7 נאכמיטאג

די שולקאנצעלאריע נעהמט אן איינשרייבונגען פון קנאבען און מעדכען וואס זענען אין שולצוואנג. אין פארבערייטונגס-קלאס (A°) ווערען אנגענומען קינדער פון 5½ יאהר. אין פרעבעלשולע (שפיל-שול) קינדער פון 3-7 יאהר

די אונטעררייכטס-שפראך אין שולע, ווי אויך אין פרעבעלשולע איז פויליש. פיר קנאבען א פערגרעסערטער קורס פון העברעאיש און אלע למודי-קודש אונטער דער פערזענליכער הנהלה פון
ר' יעקב בנימין קאצענעלזאן
פיר מעדכען א ספעציעלער קורס פון טענץ, ריטמיק, פלאסטיק לוימן פראגראם פון טאנץ-שולען פאר קינדער אונטער פאכמענישער לייטונג

פיר פיזיש שוואכע קינדער, ווי אויך פיר אונבעמיטעלטע ווירד ערלויבט א נאכמיטאג שולע — ביז 50% בילינגער — נאכמיטאג פרעבעלשולע

בעקאנטמאכונג.
דערמיט מאך איך בעקאנט דער ג' קונדשאפט, אז אונזער פאבריקס-לאגער פון נאוואמיעסקא 15, איז געווארען איבערגעטראגען
אויף פאלודניאווא 4
מיר בעזיצען שטענדיג אויף לאגער א רייכהאלטיגען אויסוואהל פון פערשידענע סארטען סרופאנס ווי אויך קארגעס און באקעס צו זעהר ערמעסיגטע פרייזען.
Skład Fabryczny. Skór. Fabryki Garbarskiej
S. Brzeziński w Łodzi
Południowa 4, tel. 143-32.

PORADNIA
WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוועכע צעליען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערווען-קראנקהייטען. קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.
— טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אווענד. — פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
— באזונדערע ווארטע-צימער פאר פרויען. —
וויזיט 3 זל.

השבת אבדה.
ס'איז פערלוירען געווארען א ביכעל פון דער קראנקען-קאסע אויפ'ן נאמען יהודה זאנדבערג, אויך א פראטעסט אויף א סומע פון 104.75 זל. אויפ'ן נאמען פון מאניא נאטעק פון קאליש, לאצטע זשירא ת. ס. זאנדבערג. די וועקסלען זענען ערקלערט גע-ווארען פאר אונגילטיג. אבצוגעבען געגען בעלוי-נונג צו גאדל דאבושינסקי, פולנאצנא 23.

ס'איז געפונען געווארען
א טוץ טיכלעך
אויף רוג וואלבארסקא און ווסכאדניא. אבצונעהמען געגען סמנים און אנאנס-קאסטען אין אדמיניסטראציע.
8252

3 ביז 4 צימערן און קוך
מיט בעקוועמליכקייטען אין דער געגענד פון זגערזשער, בוזעזשינער ווערט געזוכט צו דינגען. מעקלערס געוויינשען. אפערטען אין אדמ. „M. F."

צו אלע ה"ה פריזירער
צו וואס ארויסווארפען געלד, אז איהר בעקומט ביי מיר ביליגער און א רייכער'ן אויסוואהל ווי די פערשידענסטע קעלנישע און בלומען-וואסערן, ווי אויך אלערערט שטאהל-זאכען.
ביליגסטע קוועלע
Perfumerja J. Druker
5 Zawadzka 5, tel. 175-92

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און דענטיסטישער קאבינעט.
זשעזשינער 11, טעלעפאן 3763
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר איטיך נאז, האלז, אויערן ק'	4½–3½
ד"ר קערשנער קינדער-קראנקה.	4½-5 11-9
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטען	2–12
ד"ר ביבערגאל הויט און וועגער.קר.	12½–11½
ד"ר שמירנעלד נערווען און גייסטיגע קר.	2–1
ד"ר גאלדבלאט אויגען-קראנקה.	1½–12½
ד"ר וויים כירורגישע קראנקהייטען	3–2
ד"ר שמערלאווסקי פרויען-און געבורטס-הילף	4½–5½

פאכישע-מערצטע, שפראך-שטערונגען ווי שטאמלען א. אז. פעלטען-שטאמלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראל. איינ-שפריצונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראצ. אויף שטראף מיטעלן און שטאט. און לאבאראטאריום וועלכען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, אויך פלעגמע און בלוט
אימפונגען געגען שקארלאטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט.
ד"ר לאזשי נסקי-סטאראפאלסקא
צאהן-ארצט 10—1, 3—6
קינסטליכע ציינער, קראנען, פאמבען א.א.וו.
די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאג

Dr.Różaner
הויט, וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוועכע
צוריקגעקעהרט
Dzielna (Narutowicza) 9 tel. 12-988
נעמט אן פון 8–10 פריה און פון 5–8 אווענד.
ספ. ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med. **A. Uryson**
אינערליכע קראנקהייטען
קאנסטאנטינער 20, טעל. 215-85
צוריקגעקעהרט.

אנאנסען-פרייזן: פאר'ן טעקסט—18 גר. פאר'ן טעקסט אין טעקסט—40 גר. נאכ'ן טעקסט—12 גר. פאר טוילסטער-שורה: פאר דער שטאט 50 פראצ. טייערער. שטעלונגען 8 שפאלטען אין דער זייט, גר. 24—יג"ם ערב און פייערטאג 60— 4, 18— 8. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט.
אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט צושטעלען אין הויז; אויף דער פראווינץ 6— זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען פון די אנאנסען טראגט די רעדאקציע קיין פאראנטווארטליכקייט ניט. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.